STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05996

IN DER VELT FUN AKEYDES

Hirsh Osherowitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הירש אָשעראָוויטש

*

אין דער וועלט פון עקדות

הירש אָשעראָוויטש

אין דער וועלט פון עקדות

לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „ה מ נ ו ר ה" תל־אביב
תשל"ה — 1975

©

אַלע רעכט געזיכערט

Hirsh Osherowitch / IN DER WELT FUN AKEYDES

הירש אָשעראָוויטש / אין דער וועלט פון עקדות

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
'Hamenora" Publ. House, 24 Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

Printed in Israel 1975 — נדפס בישראל תשל״ה

דפוס לינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א

דער עול פון הונדערט דורות גלות

הִנְנִי

איך בין אַ ייִד.
איך מיין ניט רימען זיך דערמיט,
לאָ־כּל־שכּן שעמען זיך דערמיט.

איך בין אַ ייִד.
פֿון איין זײַט מײַנער: שעכטגיריקע שׂונאים,
און פֿון דער צווייטער: פֿון מײַן פֿאָלק אַנטלאָפֿענע פּחדנים.
נאָר איך בין ייִד! —
איך האָב די גרעסטע גאָב פֿאַרהיט:
כ'האָב אָפּגעהיט און אויסגעהיט
מײַן פֿון מײַן אורזיידן געירשנט פּנים.

און אויב איך בין אַ מענטש וואָס לײַדט,
בין איך אַ מענטש פֿון אונדזער צײַט,
בין איך אַ מענטש פֿון י ע ד ע ר צײַט.
דאָס דאַרף באַטײַטן:
איך בין דער ייִד פֿון אַלע צײַטן.

יפו, נאָוועמבער 1973

יפֿו
(שיבת־ציון־שורות)

יפֿו — דרײַ אותיות, אַרײַנגעאײביקטע
אין אוראַלטע אַנאַלן, הייליקן תּנ״ך און זוניקע מאַראַנצן —
געקומען כ׳בין צו דיר פֿון ווילנע, דער פֿאַרשריבענער
אין הערצער ייִדישע און אויף די פֿאַדערבלעטער פֿון מסיכתּות.

ניט איין מאָל שוין האָבן דאָס רישעות און די בענקשאַפֿט
מיך גענייט דאָס אָרט צו בײַטן.
מײַן היים די ערשטיקע —
מײַן ווינגלשטאָט, די קהילה־קדושה פּאָנעוועזש,
איז אָפּגעשמדט געוואָרן,
און פֿונעם שאַרפֿזינזאָג יל״ג׳ישן „פּה ניבז״
געוואָרן איז „פּה נישחט״.
זי איז הײַנט טאָפּלט גרויס, מײַן פּאָנעוועזש,
דאָך זי איז מער ניטאָ.
זי לעבט אַצינד נאָר ווי אַ דיבוק אין בני־ברק...

און ווילנע — די געאַכפּערטע,
די האַרינטע פֿון ייִדישע קיבוצים —
איר ברויזיק וואַקסן
(אַזש ביז צו אומפֿאַרשעמטקייט י ײ ד נ ל אָ ז י ק וואַקסן)
צווינגט, ווי מיט בײַטשן, פֿון איר לויפֿן
און איבערלאָזן די זינט דורות ליב־געוואָרענע מקומות...

געקומען, יפֿו, כ׳בין צו דיר
מיט מײַנע דרײַ און זעכציק גלותדיק פֿאַרהעצטע יאָרן,
מיט בענקשאַפֿט טויזנט מאָל געשטאָכענער
פֿון דער אַכזריותדיקער פֿעלקער־שינאה —
אָט דער אַ שיפֿלות־שפּיז, וואָס ייִדנהאָס איר שפּיץ איז.

פֿון ווילנע כ׳קום צו דיר.
דו מיינסט, ס׳איז גרינג צו פועלן בײַ זיך פֿאַרלאָזן ווילנע?

ס׳איז ביטער־שווער!
האָסט אַ געפֿיל: ווי וואָלסט פֿאַרראַטן דײַנע זיידעס.
און מער נאָך איז עס שווער,
וואָס מוזסט זיך מודה זײַן, אַז ס׳איז דיר גרינג געוואָרן,
און אָן שום קווענקלעניש דו ווילסט פֿון איר אַנטלויפֿן...

אַוועק פֿון מײַן געבוירנלאַנד,
אַראָפּגעניידערט דרײַ און צוואַנציק צפֿון־פּאַראַלעלן, —
אַ פּיצינק שטייבעלע פֿון קאַלטן באַלטיק־ברעג
דערפֿלויגן כ׳בין צו גליִענדיקע ים־התיכון־זאַמדן.
כ׳גיי, יפֿו, אום אין דײַנע אַלטע גאַסן, נײַע שׂדרות
און כ׳מאַך אַ וואַרע
ניט נאָר פֿאַר פֿאַרשײַטע צעפּאַלאַשעט־יאָגנדיקע רכב׳ס,
נאָר אויך פֿאַרן געטאַקטן גאַנג פֿון בראַווע אייזעלעך,
וואָס אַזוי חשיבותדיק, טויט־ערנסט טשוועקלען דריבנע טריטלעך.

איך לעב אין דיר. אין דיר, יפֿו, —
דער שטאָט מיט אַלטסטן שם און קירצסטן נאָמען
(אַ נאָמען, וואָס באַשטייט
בלויז פֿון אַ „פּ״־ספּיראַל און אַנדערטהאַלבן פֿלעקלעך).
די פּען, דוכט זיך, באַווײַזט גאָר ניט זיך אײַנפּאַכען,
ווי ביסט שוין אָנגעשריבן...
דרײַ אותיות באַהעפֿטע זינט דער צײַט פֿון מבול,
דרײַ אותיות געווייקטע אינעם בלוט
פֿון דורות חלוקה־ייִדן, מקובלים און חלוצים,
באַטראָמפּלטע פֿון פֿיס פֿון מאַמעלוקן, קרייצציגלער
און ברידער־שבטים — שׂונאים.
דרײַ אותיות געוועזענע שוין
אין באַלאַגערונג, געפֿאַנגענשאַפֿט, פֿאַרחרובטקייט,
נאָר קיין מאָל ניט אויף אַלע מאָל פֿאַרלענדטע.

געקומען, יפֿו, כ׳בין צו דיר.
אויף ברוינעם באָדן דײַנעם כ׳טרייסל אָפּ פֿון מײַנע פֿיס

די איבערבלײַבענישן פֿון אייראָפּעס שוואַרצערד.
בײַ דײַנע שמונה־עשׂרה־שטייענדיקע פּאַלמעס
כ׳בין זיך מתייחד מיט מײַן ענדלעך אָנגעקומענעם
מאַראַניש אויסגעבענקטן ייִדן־עתיד.

יאָ, יפו, תל־אָביבס געטרײַע מאַמע,
אַזוי, ווי שׂרה, אונדזער מוטער,
דו האָסט דײַן קינד — די שטאָט דורכויסיק ייִדישע —
געבוירן אויף דער עלטער.
און מער נאָך וווּנדער איז, וואָס דו, די מאַמע,
ביסט אַליין אַ גליד געוואָרן פֿון דײַן טאָכטערס לײַב...
אַ נס? ס׳איז ניט בלויז נס. ס׳איז נס געקניפּט מיט סימבאָל!

איך וויקל, יפו, זיך
אין דײַנע אָפּגעריבענע, דאָך אַזוי שטײַפֿע געסלעך־שנורן
און כ׳פֿיל, אַז איך דערווערג מיט זיי
די אין אייראָפּע אויפֿגעקומענע אין מיר קאָשמאַרן.
איך זיץ אין אַלטן האָפֿן דײַנעם און איך שמייכל,
ווי ס׳איז נאַטירלעך פֿאַר אַזאַ,
וואָס האָט פֿון ים־שטורעם אַרײַנגעכאַפּט זיך אין אַ האָפֿן.
איך שווענק מיט דײַנע ווינטן, די געזאַלצענע, מײַן איך
און יעדע ווײַלע כ׳שפּײַ אַ שטיקל גלות אויס...
פֿאַר וואָס האָט יונה ניט געוואָלט פֿאַרויסזאָגן
אויף נינוה׳ס שלעכטיקייט דעם אומקום??...

פונקט איצט. פונקט דאָ
כ׳באַגרײַף עס ניט מיט שלמותדיקסטן ניט־באַגרײַפֿן!
און ווי גאָר זאָל עס אַנדערש זײַן,
אַז ס׳זײַנען אַזוי היפּוכדיק
די תּקופֿות אונדזערע, גורלות און פֿאַרלאַנגען?!
ע ר האָט געוואָלט דורך דיר, יפו, פֿון גאָט אַנטלויפֿן,
און א י ך — איך קום דורך דיר צו זיך!

יפו, 25–28.8.1972

ירושלים

דאָס קניִען פֿאַר דער גרויסקייט מאַכט ניט קליין.

פֿאַרקערט: עס גאָר דערהייבט דעם קניִער.

װ ע נ ד ו נ ג

ירושלים,
איך טראָג אויף זיך די חרפּה־לאַסט פֿון הונדערט דורות גלות.
ווי קום איך זיך דערוועגן ווענדן זיך צו דיר?
די געלע שטיינער דײַנע שײַנען מיטן אור־הגנוז,
אַ שכינה־צערטל איז דײַן ווינטעלעס באַריר.

כ׳לעב אין אַ צײַט, ווען גרויסקייט איז פֿאַרשקלאַפֿט בײַ שיפֿלות,
ווען מענטש איז הפֿקר פֿאַר רדיפֿות און פֿאַר צוואַנג,
ווען דער געדאַנק, — אַפֿילו דער, וואָס העל און טיף איז, —
איז אָפֿט פֿאַרשלייערטער געפֿעלערטער געדאַנק.

איך ווייס, אַז שוין מײַן שטיין פֿאַר דיר איז עזותדיקסטע חוצפּה.
ווער בין איך קעגן דיר, דו, ציטאַדעל פֿון פֿעלדז און גײַסט?
מײַן ווענדונג, אין פֿאַרשלײַמיקטע הכנעה־רייד געפּוצטע,
אין דײַן געדיכטן קדושה־טלית קריעה רײַסט.

ניין, ניט קיין שליח־ציבור כ׳בין, איך בין אַ שליח־יחיד.
פֿון זיך אַליין געשיקט צו דײַנע טויערן איך קום.
מײַן נעבעך־זעל, וואָס אויסגעהאַלטן יאָך און בראָך האָט,
קען ניט באַנוגענען זיך מיט באַגײַסטערן זיך שטום...

איז זײַ עס מוחל מיר, און זאָל מײַן וואָרט דיר ניט צו לאַסט זײַן.
ס׳מוז קינדיש־אָנהייבעריש זײַן אַזאַ, וואָס זיך באַנײַט;
און שלאָגן זיך על־חטא איז נאָר אַ נוסח פֿון זיך לאַשטשען —
די טרייסט די איינציקע אין אונדזער וווּנדעררײַכער האַרצלאָזיקער צײַט.

*

אויפֿן ציון־באַרג פֿאַרוויסטן
זײַנען פֿוקסן אומגעגאַנגען.

כיטרע פֿוקסן, זשעדנע פֿוקסן
מיט שאַקאַלישע פֿאַרלאַנגען.

און די טויבן וואָס געטערקלט
האָבן אויפֿן הר־הבית,
זײַנען טויט אויף אים געלעגן,
אים באַדעקט, ווי מיט לישײַעס.

און די שכינה זיך געטוליעט
האָט צום כּותל־מערבֿי,
איז דער בראָך געווען נאָך גרעסער,
ווי ס'האָט אים געמאָלט דער נבֿיא.

אויפֿן ציון־באַרג פֿאַרוויסטן
האָט געפּאָכעט פֿוקסן־ווײדל
און געווען איז מער מיוחס,
ווי די גריוועס פֿון די לייבן.

*

ירושלים, איך ווייס ביז הײַנט נאָך ניט,
וואָס האָט מײַן פֿאָלק געהאַט פֿון דיר:
מער טרייסט, צי וויײטיק?
נאָר קלאָר איז מיר, אַז ס'איז דײַן שם דאָס וואָרט,
וואָס שטייט גלײַך נאָכן שם־הויה.

אויף דײַן געוועלב האָט אויפֿגעשײַנט בן־ישים שטערן,
אין דיר געוואָרן איז פֿון שבֿטים וואַנדערערס אַן אומה,
צו דיר זײַנען געווענדט געווען
די אויגן אונדזערע, די תּפֿילות און מחשבֿות,
און גוט געווען איז אונדז
אַרײַנטײַטשן אין נאָמען דײַנעם פּשט,
פֿון יעדן אות דײַנעם אַרויסשיילן רמזים.

כ׳שטיי אויף דײַן ערד (ניט ערד, נאָר סקאַלע!)
און כ׳שטאַר פֿאַרדבֿקהט, ווי די אַלטע אײלבערטביימער
אינעם גאָרטן פֿון גת־שמן.
ס׳איז שטיל. די גינגאָלדענע כּיפּה בליצט —
אַ גלאַנצנדיק פֿרעמד היטל אויפֿן הר־הבית.
און ווער קען וויסן? ווער קען וויסן?
ס׳איז מעגלעך דאָך, ס׳האָט די השגחה
דאָס פֿרעמדע גינגאָלד דאָ באַוויליקט,
בכדי עס שיקן שײַן זאָל צו דעם כּותל —
דאָס טפֿלע, וואָס נאָכן חורבן איז געוואָרן עיקר —
די גרעלע וואַנט, וואָס יאָרן גליק און יאָרן אומגליק
האָבן זיך דורכגעטראָגן פֿאַרבײַ איר,
ווי ווילדע בעדויִנער אויף די קעמלען.

דאָ הייבט זיך אַלצדינג אָן.
אויף יעדן טראָט דו טרעפֿסט דאָ גאָט,
וואָס איז, ווי דו, אי אַ באַעוולטער,
אי אַ געשעצטער און געשענדטער.
פֿון וואַנען נעמט זיך דאָ אַזאַ געדיכטעניש פֿון ערפֿאַרכט?
די אבֿן־שתיה פּילט אויף זיך נאָך יצחקס אָטעם,
און ס׳טוט אַ טרייסל זי,
ווען זי דערמאָנט זיך אינעם בלוט פֿון ווידער,
דעם אומגעריכטן, כּלל ניט־נייטיקן פֿאַרבײַט,
וואָס האָט געהאַט דעם פּניה־צוועק:
מיט כּלומרשט־רחמים פֿאַרשטעלן גאָטס מפּלה...

יאָ, הייליקער מוריה־באַרג, דו ביסט דאָס אָרט,
וווּ מענטשס געהאָרכיקייט באַזיגט האָט דעם קאַפּריז פֿון בורא...

*

אויפֿן חורבן אָנגעווייַנט זיך —
אָנגעווייַנט זיך, אויסגעווייַנט זיך,
שײַנסטו אויף, ירושלים,

ווי אַן עופּעלע, וואָס ליכטיקט
דווקא מיטן גלאַנץ פֿון טרער.

טרער איז ניט נאָרליידן־טריוואַקס,
טרער איז טראָפּנדל גאולה;
און אין דיר, ירושלים,
איז די גרעסטע טרערן־זאַמלונג.
אויף דער גאַנצער ערד ניטאָ איז
נאָך אַן אָרט, וואָס זאָל באַטרערט זײַן,
ווי דײַן כּותל־מערבֿי...

מיט דײַן ערשטן נאָמען „צדק"
אויף די שמאַכטנדיקע ליפּן
חלומט אוים זײַן וועג משיח
בײַ די טויערן פֿון רוים.
מיט דײַן צווייטן נאָמען „שלם"
אויף די תּפֿילה־זכּה־ליפּן
טרוימט זײַן אויסלייזגאַנג בן־דוד
צום הר־ציון, צו מוריה,
צו דער וואַנט פֿון גאָרנס שטיינער,
וואָס זי שטייט אַזוי פֿיל יאָרן,
קען זײַן, נאָר ווײַל עס באַשיצט זי
אַזאַ דיקער טרערנשיכט.

*

ירושלים!
איך גרייט בין שווערן,
אַז דעם אָ שטערן
געזען האָב איך אין ווײַטן קאַזאַכסטאַן,
בשעת מען האָט אונדז בײַ דער נאַכט,
אַרומגערינגלטע פֿון הינט
(און מענטשן, וואָס די הינט באַדינען),
געטריבן צו דער נאַכט־אַשמורה פֿון עבֿודת־פּרך.

ס'איז יענער שטערן!
יענער שטערן!
ווי אָבער שײַנט ער נאָך,
נאָך דעם, ווי ער האָט צוגעזען אַזוי פֿיל טרערן?
און ווי האָט ער דערקליבן זיך אַהער?

אַרום איז שטיל.
סע שווײַגן גאַסן, שטומען סקווערן,
און איבער זיי: אַ געלער קאַזאַכסטאַנער שטערן
נערוועיִש צאַנקט און פֿיבערט —
פֿינטלט אוים מיט מאָרזע־שריפֿט
די קלאָרע איינוואָרט־תּשובֿה:
„ע־ל־י־ה!"...

*

געוועזן איז שווער מײַן שלאָף.
אין חלום האָבן זיך געקנוילט אַבֿלות־בילדער.
האָט זיך פֿאַרבײַגעטראָגן פֿאַרבײַ מיר אַ שאָרך,
וואָס מײַן פֿון שלאָף באַטויבט געהער
האָט אויפֿגענומען אים: „ירושלים",
איז דער קאָשמאַרן־חלום מיט אַ מאָל געוואָרן ראָז
און אין די בלוטן מײַנע האָבן יונגע טערקלטויבן זיך צעוואָרקעט.
די קליינע ברוינע טערקלטויבן פֿון ירושלים,
די זעלביקע, וואָס אין דער צײַט פֿון אַ באַלאַגערונג
מען פֿלעגט זיי דורך די שפּאַרעס פֿון די אײַזערנע פֿאַרקלאַפּטע לאָדנס זען
און זיי מקנא זײַן דאָס פֿרײַע אומטאָפּטשען
אויף ברוקן הייליקע, באַוואַשענע מיט בלוט פֿון קדושים.
די קליינע אומרויִקע טערקלטויבן,
וואָס זייער ברוינקייט איז אָן אויסגעמיש פֿון בלוט מיט טרויער,
און דאָך טראָגט זיך פֿון זיי דער דופּט פֿון שיר־השירים —
„די קנאָספּן האָבן זיך אין לאַנד באַוויזן.
ס'איז די צײַט פֿון סאָלאָוויי געקומען
און ס'קול פֿון טערקלטויב לאָזט הערן זיך אין אונדזער לאַנד".

אַזאַ שוין ביסטו, מוטערל ירושלים:
אויף בלוט און טרויער — קוויקנדיקער פֿרילינגדופֿט!

*

ירושלים!
ס'איז יעדער שטיין אין דיר
פֿאַרשטאַרט געוויין, פֿאַרגליווערטער בטחון.
(אַזעלכע שטיינער שפּאַלטן ניט
ניט וואָרע האַק, ניט לעגענדאַרער שָמיר).
עס פֿאָכען איבער דיר געשיכטעס פֿליגל
און ס'שטעקן אין דײַן לײַב איעדער תקופֿהס נעגל.
זינט דײַן געבורט איז דיר באַשערט
אַ לעבן צווישן גאָט און שענדונג,
אַ שטענדיק אײַנגעקלעמט זײַן צווישן רום און חורבן.

דרײַ טויזנט יאָר דו זיצסט אין זינען אונדז, ירושלים.
אַ לאַנגן גלות שעפּטשעט אונדזער האַרץ „ותחזינה״.
אין אונדזער ליידנוועג געווען ביסט
אונדזער עמוד־אש און עמוד־ענן.
דו ווייסט, ווי אַכזריש געווען צו אונדז
ס'איז אונדזער נסים־קיום,
מיר האָבן קיין מאָל ניט געוווּסט
פֿון שמעקעדיקן צימרינג־פֿלאָדן,
ס'איז אונדזער וואָר געווען
אַן אַלט געבאַקן קלײַען־שוואַרצברויט,
נאָר אינעם לאַבן ראָזעווען
געשטעקט האָט אַזוי יום־טובֿדיק
אַ שבת־חלה־ראָזינקע — ירושלים!

*

ס'איז שקיעה־צײַט. אויף הימלס ראַנד:
דאָס זידנדיקע בלוט פֿון זכריה דעם פֿאַרשטיינטן.
די וואָלקנס גליווערן, ווי יענע געצנדינסט־אשרות,
וואָס וועגן זיי ער האָט געשטראָפֿט דאָס פֿאָלק.

און אַט באַווײַזט זיך אויך דער קאָפּ פֿון מלך יואָש,
פֿאַרגאָסן מיטן בלוט, וואָס ער באַפֿוילן האָט פֿאַרגיסן...
דאָ איז די היים פֿון וועלטס געוויסן.
פֿאַר יעדער רישעות־טווונג ווערן מוז באַצאָלט.

ס׳איז ליכטבענטשן... דאָס פֿאָכען ניט מלאכים־פֿליגל אינעם חלל,
דאָס ציט זיך ייִדן־בענקשאַפֿט קיין ירושלים.
אַזוי פֿיל קדושה, גלויבן, ערפֿאַרכט, ליבשאַפֿט
איז זינט די וועלט שטייט, ניט געווען נאָך אין איין דראַנג.

ניין־ניין! עס איז דער המשך־פֿאַדעם ניט צעריסן!
דאָ איז די היים פֿון גרויסן וועלטגעוויסן.
פֿאַר יעדער אומרעכט־טווונג ווערן וועט באַצאָלט —
דער טרוים און טרייסט פֿון אַ צעוווּנדיקט אייביק פֿאָלק.

*

גרויסע שטערן קוקן אויף ירושלים
און זיי זעען מיך: איך ליג אין גיא־בן־הנום
אויסגעצויגן אויף דער ערד פֿון זינד און בגידה,
אַ פֿאַרכאַפּטער פֿון אַ ווילד בעלנות:
דווקא דאָ — אין אָרט, וואָס איז למשל ולשנינה, —
איבערנעכטיקן אַ לאַנגע טבת־נאַכט...

גרויסע שטערן קוקן אויף ירושלים,
גאַסן רוישן — זײַדענע טליתים,
אייזעלעך צעכאָרכלען זיך, ווי הייזעריקע מועדזינען,
שפּיציקע ציפּרעסן, מעשׂה ריזיקע לולבֿים,
וויגן זיך, ווי אין אַ בענטשנדיקער האַנט —
ששש...

ווער טאַפּטשעט עס אַהער מיט אַזאַ אומגעלומפּערט פּויקנדיק געגיי?
זײַן יעדער טראָט אַ טרייסל טוט די ערד
און יאָגט אָן נײַע כוואַליעס שרעק און חושך...

ווער איז ער עס אזא?
צי איז ער ניט אַ מאָל פֿון די פֿאַרזינדיקטע מלאכים — די נפֿילים?
און אפֿשר: סתּם אַ ריז — אַ גָלית, צי אַן עוג מלך הבשן?
ניין-ניין, ס׳איז ניט קיין מלאך, ניט קיין מענטש.
עס איז אַ לײַב — ניט ווײַסער הימל-חומר און ניט פֿלייש.
עס איז אַ גוף אַן אַנגעגליטער, ווי ער זײַן וואָלט אַרץ;
און ער געגענט, געגענט, געגענט —
ער שטייט שוין אָנגעבויגן איבער מיר,
און ס׳נעמט פֿון אים זיך שיטן עפּעס חושכדיקס און גרויליקס...
— — —

אַ, גוואַלד! — אַ טויט שוואַרץ קינד! —
אַ קינד פֿון קויל!...
און נאָך אַ קינד, און נאָך, און נאָך, און נאָך... —
אַ גאַנצער אַנוואַלגער פֿאַרברענטע קינדער...
און אָט: דער סודותדיקער ניט-דערזעענער
נעמט אײַליק האַמערן מיט זײַנע גליבעפּים —
ער לויפֿט, ווי איינער, וואָס וואַרפֿט צו אַ חפֿץ,
וואָס ער פֿון אים וויל פּטור ווערן.
ס׳גייט אויף די זון, און אַלץ ווערט אויס
(דער חושך, וואָס באַשאַפֿט קאָשמאַרן,
דערשטיקט זיי אויך, ווען ער זיך עקט).
איך הייב זיך אויף, ווי נאָך אַ שווערער פֿיבערקרענק,
און אַ זיך-וואַקלענדיקער כ׳לאָז זיך גיין
צום גילדענעם גאולה-טויער אויפֿן הר-הבית.
ס׳איז שווער דער טראָט נאָך אַזאַ ווילדער נאַכט,
נאָר איך בין שטאָלץ, וואָס כ׳גיי דעם וועג,
וואָס פֿירט פֿון מולך צו משיח.
נאָר דער האָט רעכט געניסן דיך, ירושלים,
ווער עס האָט פֿריִער דורכגעפּײַניקט זיך אַ נאַכט אין גיא-בן-הנום.

*

געלער פֿעלדז און געלער פֿעלדז.
פֿליין איז פֿעלדז און באַרג איז פֿעלדז,

און אַ שטאָט, וואָס איז אַ פֿעלדז, —
דאָס ביסטו, ירושלים!

געאַכפּערט האָט מען רוים,
געגרייסט דעם וואַטיקאַן,
נאָר קיינער האָט זיך קיין מאָל ניט דערוועגט
צו טראַכטן, אַז ס'קען זײַן אַ „רומאַ של שמים".

און דו, וואָס אויסגעשטאַנען ביסט אַזעלכע גרויסע חורבנס צוויי
און אַן אַ צאָל כּסדרדיקע „ניט־באַרימטע" חורבנס;
דו, וואָס געלעגן ביסט אין אַש,
געקאָרטשעט זיך פֿון שאַנד און פּײַן,
דו — די שכּולה פֿון צוויי בית־המקדשן,
באַלוינט ביסט מיטן גרויסן זכות,
פֿון דיר זאָל אויסשטראַלן די שײַן,
וואָס אויף דײַן אַלטן חכמה־קאָפּ
טוט אָן די קרוין „של מעלה"!

געלער פֿעלדז און געלער פֿעלדז.
טאָל איז פֿעלדז און באַרג איז פֿעלדז.
קענטיק: דווקא אויפֿן פֿעלדז
איז דאָס אָרט דאָס ריכטיקע פֿאַר העכסטן רוח.

יפו, יאַנואַר־פעברואַר 1973

זיבן פֿאַרלאָשענע מנורות

זיבן פֿאַרלאָשענע מנורות,
אײַנגעהילטע אין פּרוכתן ווייטיק,
שטייען אויסגעשטעלט אין מײַן זכּרון
און וואַרטן אויף אַ שוועבעלע,
וואָס זאָל זיי ווידער אָנצינדן;
און, ווער ווייסט, אפֿשר שטעקן גאָר ניט
אין זיי מער קיין ליכט,
אָדער זיי זײַנען גאָר ניט פֿעיִק מער צו לויכטן?

אויפֿן אַלטן בית־עולם
האָט דער ווינט פּלוצעם ניט געפֿונען די מצבות,
וואָס אין זיי ער פֿלעגט זיך פֿאַרטשעפּען.
און דער בית־עולם גופֿא
שטייט אָן זײַן גדר און אָן דעם טויער,
וואָס פֿלעגן ניט דערלאָזן,
ער זאָל מיט איין מאָל אײַנשלינגען
די גאַנצע עדה ייִדן...
וואָס קען זײַן שרעקנדיקער
פֿון אַ וואַרטנדיקן בית־עלמין?
וואָס קען זײַן שוידערלעכער
פֿון אַ חרובֿן בית־הקבֿרות?

שנירלט זיך פֿון אַן אַלטן קוימען אַ ווײַס רייכעלע...
איז עס די געמיטלעכקייט פֿון מײַנע קינדעריאָרן,
צי (ווײ דער וועלט!) גאָר אַ נשמה,
וואָס האָט אַנטלויפֿנדיק באַהאַלטן זיך אין קוימען,
און אַזש ביז איצט נאָך ניט געוווּסט,
אַז מע מעג שוין זיך באַווײַזן אָפֿן? —
אָפֿן און ניט נאַקעט,
צעווייטיקט, כאָטש אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים...

אָט דאָ איז געווען דאָס הויז —
דאָס ראָזע גרוי־אויסזעענדיקע הויז,
ווּ כ׳בין געבאָרן.
אָט דאָ איז געווען דער הויף —
דער שטויביקער, מיט זונשטויב פֿולער הויף,
ווּ כ׳בין געוואַקסן.
ס׳איז דאָ דער דאָ,
ס׳איז דאָ דער דאָ,
און עס ליגט אויף אים אַזאַ וואַמפּירישער ניטאָ!

ווילנע, אָקטאָבער 1967

ס'האָט זיך מיר געחלומט אַן אַלעע...

אברהם סוצקעווער

ס'האָט זיך מיר געחלומט אַן אַלעע —
אַן אַלעע ניט פֿון צוויטנדיקע ביימער,
נאָר פֿון טאָמבאַקענע שבת-לײַכטערס
אויסגעשטעלטע אין צוויי רייען.

איבער יעדן, איבער יעדן איינעם פֿון די לײַכטערס
שטייט אַן עצבותדיקע פֿרוי געבויגן,
מיט די הענט באַשירעמט זיך די אויגן,
גאָטספֿאָרכטיק פֿונהדיק בענטשט ליכט.

אַלע לײַכטערס — ענלעכע ווי צווילינג-ברידער,
אַלע בענטשנדיקע פֿרויען — איינע און די זעלבע.
פּנימער — פֿאַרשטעלט, נאָר ווערדליק די געשטאַלטן,
זײַנען אַלע, זײַנען אַלע זיי מײַן מאַמע...

ווערט געדיכטער נאָך דאָס חלומישע בין-השמשות,
מער נאָך רעטענישדיק — די פֿאַרשטעלטע אויגן.
ווײַל ס'איז יעדערע פֿון זיי מײַן מאַמע,
ווייס איך שוין ניט, ווער פֿון זיי עס איז מײַן מאַמע,
ווייס איך ניט, צו וועמען איך זאָל צוגיין...

פּלוצעם נעמען פֿלייצן גרילצנדיקע קלאַנגען —
דורכגעשינאַהט העצגיריקע ווערטער.
„יודאַ, אַהאַסווער, פֿאַרדאַרבער"
פֿאַלן זיי אויף מיר ווי שאַרפֿער האָגל,
„מאָשקע, שיילאָק, זשיד פּאַרכאַטי"
טריפֿן זיי אַראָפּ פֿון מיר, ווי בלוט פֿון אַ באַגנעט...

און אָט ווערט דער לעצטערונגען-שטראָם פֿאַרגליווערט
און צעשיט זיך ווי דאָס „שברים"-שאַלן פֿון אַ שופֿר.

הייבט זיך אויף אַ בייזער ברומענדיקער וויכער,
פּאַטשט איבער די פֿינגער וואָס באַשירעמען די מאַמעאויגן.
טרייסלען זיך די בענטשנדיקע פֿרויען,
ווילן איַינהאַלטן די דלאָניעס קעגן די פֿאַרטערטע וויִעס,
דאָך דער שטורעם בושעוועט און רעוועט,
מיט אַכזריותדיקער רוגזה שטויסט און שליַידערט.
פֿלאַטערן די מאַמעליַיבער, הוידען אום זיך,
ניט ווי אויף די פֿיס זיי וואָלטן שטיין,
נאָר אויף די בענטשנדיקע הענט גאָר הענגען...

אַ, דער שטורעם רוישט און ריטשעט,
ווי, דער וויכער וויינט און וויעט,
רייסט אַוועק, פֿאַרשלעפּט די פֿלאַטערדיקע ליַיבער.
בליַיבן הויערן נאָר הענט — נאָר הענט אַליין...

און פֿון צווייטן עק אַלעע טויכט אַרויס אַ רויטער קיַילעך
(וואָס הגם ער נידערט ניט, נאָר שטיַיגט אַלץ העכער,
איז ער ניט פֿרימאָרגן-זון, נאָר שקיעה)...
שקיעה טראָגט זיך איבער דער אַלעע,
צינדט די ליַיכטערס, וואָס אין בײדע רייען —
איבער יעדן, איבער יעדערן גייט אויף אַ פֿלאַם...

אַ, דו ווילדער שוידער-וווּנדער:
פֿלאַמען הענגען איבער ליַיכטערס, וואָס אָן ליכט גאָר,
יעדן פֿלאַם עס בענטשן הענט, וואָס אָן אַ קערפּער.
און דער שטורעם רוישט און ריטשעט,
און דער וויכער וויינט און וויעט,
און די שוידער-זעונג וועבט זיך וויַיטער:
הענט די פֿינגער אויף צוויי העלפֿט שיידן פֿונאַנדער —
ווערן ידי-כּוהנים, וואָס מען אַראָפּגעריסן האָט פֿון זיי דעם טלית...
איז דאָס דוכנען דאָך מער ניט גילטיק,
שטרעקן זיך די פֿינגער, פֿיבערן און קנוילן זיך צוזאַמען —
לאַנגע, לאַנגע רייען פֿויסטן אַנשטאָט בענטשנדיקע הענט...

און אַט הייבט דער רויטער קײַלעך ווידער שוין אַרויס זיך און נעמט שטײַגן.
דאָס מאָל אָבער שאַרפֿער נאָך — אין דרײַען גלײַך:
זריחה מיט דער שקיעה — איינע אויף דער צווייטער
און צונויפֿגעקלעפּט מיט דריטער רויטקייט — בלוט...

אָ, דער שטורעם רוישט און ריטשעט,
ווײ, דער וויכער וויינט און וויעט,
און די זריחה־שקיעה טראָגט זיך,
און ווי פֿריִער זי געצונדן האָט די לײַכטערס,
צינדט זי איינע נאָך דער אַנדערער די פּויסטן.
ברענען זיי און פֿלאַקערן, ווי אין די אויוונס פֿון מײַדאַנעק,
ווערן קנײַלכלעך רויך, וואָס שטײַגן, שטײַגן,
גיסן זיך צונויף אין אַ געדיכטן עמוד־ענן,
וואָס דער ווינט קלעפּט אויס פֿון אים אַ גרויסן סאַזשע־פֿינגער.
שרעקנדיקער שוואַרצער וויַזפֿינגער פֿאַרדעקט אַ האַלבן הימל:
אומקום! אומקום! אומקום!

און דער שטורעם רוישט און ריטשעט,
און דער וויכער וויינט און וויעט,
און די זריחה־שקיעה טראָגט זיך,
און אַ שרעק רײַסט אײַן די הערצער...

ווײ דער וועלט,
ווו פֿון דער מאַמעס בלייכע בענטשנדיקע הענט
ווערט שוואַרצער שטראָפֿנדיקער קללה־פֿינגער!

ווילנע, יולי 1970

אַנוסים

מיר זײַנען אַנוסים.
עס ליגט אונדזער אמת פֿאַררוקט אין דער פֿעלשונג.
מיר זײַנען ניט ווערט אונדזער מענטשלעכן נאָמען.
מיר ווערן צעפֿוילט פֿונעם ניבזהדיק שווײַגן,
פֿון קוקן מיט אויגן, פֿול פּחד און שקר.
מיר זײַנען מאַראַנען!

מיר זײַנען אַנוסים.
מיר עכט זײַנען נאָר הינטער ריגלען און שלעסער,
אין גאַס גייען אום מיר פֿאַרהילטע אין צביעות,
מיר טראָגן אַ פּנים — אַ קאַלכענע מאַסקע,
וואָס גיט ניט אַרוים די נשמה־קאָנוווּלסיעס.
מיר זײַנען מאַראַנען!

מיר זײַנען אַנוסים —
פֿאַרטריקנטע צווײַגן, וואָס קענען בלויז דאַרן.
מיר ריידן זיך אײַן, אַז מיר דאַרפֿן דאָס לעבן
אויף איבערצוקומען די צײַט פֿון ירידה,
און וואַקסן דערווײַלע מיט איר זיך צוזאַמען...
מיר זײַנען מאַראַנען!

מיר זײַנען אַנוסים —
פֿריטשמעליעטע ווערעם, געשטראָפּטע מיט שׂכל —
מיר זײַנען ניט מ י ר אויך אין אונדזערע טרוימען,
מיר צאַפּלען פֿאַר מורא אַפֿילו אין חלום.
מיר האַסן דעם שקר, דאָך שיצן מיט אים זיך.
מיר זײַנען מאַראַנען!

מיר זײַנען אַנוסים —
אַזעלכע, וואָס מערקן שוין ניט זייער שיפֿלות,
אַזעלכע, וואָס כּשרן פֿאַלשקייט און בגידה.

מיר שטיקן, דערשטיקן אין זיך אונדזער גלויבן,
באַהאַלטן אויס גאָט, ווי ער זײַן וואָלט אַ ממזר...
מיר זײַנען מאַראַנען!

מיר זײַנען אַנוסים —
געיאָגטע פֿאַרגוואַלדיקטע מענטשלעכע שאָטנס.
מיר גאַרן רק אויס ניט-פֿאַרדינטע מחילה,
נאָר ס'קען ניט און ס'וועט ניט געשאָנקען אונדז ווערן
די זינד פֿונעם טראַכטן: מע וועט אונדז פֿאַרגעבן.
מיר זײַנען מאַראַנען!

מיר זײַנען אַנוסים —
מאַרטירערס, וואָס זײַנען אין תוך גאָר פֿאַררעטערס.
אַ כּלומרשט געשמדט זײַן איז אויך אַ געשמדט זײַן.
פֿאַריאָגט אונדזער איך אין דער טיף פֿון נשמה,
איז אונדזער נשמה זײַן קבר געוואָרן.
מיר זײַנען מאַראַנען!

מיר זײַנען אַנוסים
מיט מענטשלעכן אויסזען, אָן מענטשלעכן אַנזען.
מיר לעבן אַ לעבן אַ פֿרעמדס און פֿאַרביטנס.
ס'איז שווער דאָס באַזיגט זײַן פֿון עמעצנס שטאַרקייט,
נאָך שווערער — ס'באַזיגט זײַן פֿון אייגענער שוואַכקייט!
מיר זײַנען מאַראַנען,
פֿאַראַכטע מאַראַנען!

ווילנע, מאַרץ 1970

מענטש

איז עס טאַקע אַזוי פּשוט:
פּשוט אָפּלעבן אַ לעבן,
אומפּליִען — אַ וועבער־שיפל, —
וואָס די אייביקייט טוט וועבן,
און אַוועקפאַלן, און בלייַבן
אומנייטיק און נישטיק ליגן;
וועבן פאַר דער וועלט אַן אמת,
אויסוועבן פאַר זיך אַ ליגן?...

איז עס טאַקע ניט קיין טעות,
אַז אין טעות שטעקט דער זינען,
און וואָס מער מע פּרוּווט אים מייַדן,
מוז מען אים אַלץ מער געפינען,
און וואָס פּלייסיקער מע מיט זיך
אים פאַרלאַטען און פאַרריכטן,
ווערט ער גאָר דורך דעם נאָך גרעבער
און באַקומט נאָך נייַע שיכטן?...

איז עס טאַקע אַזוי פּשוט:
פּשוט אָפּלעבן אַ לעבן —
פּשוט לעבן און ניט וויסן,
אַז דאָס אייביקע דערנעבן —
באַרג און קיזל, לופט און מירמל —
שטענדיק אָן אַן אויפהער קלערן:
„אָ, ווען אונדז, ווען אונדז געלינגט עס
שטערבלעך בלוט־און־פלייש צו ווערן!...”

ווילנע, פעברואַר 1968

אמתן גאָלדענע...

אמתן גאָלדענע,
אמתן שטאָלענע,
טרייסטווערטער זײַדענע,
טרייסטווערטער וואָלענע,

שווער איז צו זוכן אײַך,
שווער צו געפֿינען אײַך,
שווער צו פֿאַרלירן
אין מיטן דערינען אײַך.

זײַנען מיר וואַנדערערס —
וואָגלערס פֿאַרבלאָנדזשעטע.
שלעפּן מיר אום זיך
אויף וועגן געפּלאָנטערטע,

זוכן דעם שײַטער,
דעם היציקן, ליכטיקן —
יום־טובדיק לויטערן,
וואָכעדיק וויכטיקן.

שפּאַרן מיר אָן
אין פֿאַרוואָרפֿנסטע ערגעצן,
הימלישע געטער
פֿאַרבײַטן אויף ערדגעצן,

האַסן אין זיך
אונדזער איך דעם געוויינלעכן,
האַלטן זיך גרויס,
און דערמיט זיך פֿאַרקליינלעכן.

מאַכט זיך אַ מאָל,
עס געלינגט אונדז אַרויפֿשטײַגן,
ריידן מיר אײַן זיך:
מיר ווייסן נאָר אויפֿשטײַגן.

אײַ נאָך איין אויפֿשטײַג
מיר זיבן מאָל נידערן?
איבעריק איז אונדז
דערמיט צו דערווידערן!...

אמתן גאָלדענע,
אמתן שטאָלענע,
טרייסטווערטער זײַדענע,
טרייסטווערטער וואָלענע

פֿינקלען און פֿעסטיקן,
צערטלען און וואַרעמען.
ווּ איז דער מענטש,
וואָס זיי וועלן ניט נאַרן אים?...

ווילנע, פעברואַר 1969

פראַגעס און ענטפער

און פֿאַר וואָס, און פֿאַר וואָס
וואַקסט דער צער אַזוי ווי גראָז?
ניט געזייט אים, ניט געשניטן,
טאָג און נאַכט אים רק געמיטן,
און צום סוף: ער איז פֿאַראַן...

מוז דען זײַן, מוז דען זײַן,
עס זאָל אויסגיין יעדע שײַן?
דוכט, אָט בלענדט זי, דוכט, אָט בליצט זי,
דוכט, מע שעצט זי און מע שיצט זי,
מיט אַ מאָל: זי איז גאָר אוים.

ווען, אָ, ווען? ווען, אָ, ווען
וועט דער גרויסער נס געשען,
אַז פֿאַרשווונדן וועלן ווערן
אַלע ווייטיקן און טרערן,
צער צו שׂימחה וועט זײַן גלײַך?

וואַרט זשע צו, וואַרט זשע צו,
קאַרג זיך ניט אַ ביסל רו.
ווייס, אַז ס'איז דער גורל אויסן
געבן דיר זײַן ענטפֿער גרויסן.
זע נאָר, גרייט זאָלסט זײַן פֿאַר אים!

ווילנע, יאַנואַר 1970

נאַרעלע חכם...

נאַרעלע חכם, אָ־ווי, ווי ביסט בלינד!
עפּעס צו גלאַטיק ביַי דיר זיך אַלץ בינדט,
גליַיך איז פֿאַר דיר דער פֿאַרפּלאָנטערטסטער גאַנג,
רימסט זיך: דיַין מוח פֿאַנגט פֿאַנג נאָך אַ פֿאַנג.

נאַרעלע חכם — באַשאַף־פּאַטריִאַרך,
מיט קנייטשן אין שטערן און פֿאַלדן אין מאַרך,
מיט גלויבן וואָס וויאַנעט און צווייפֿל וואָס בליט,
מיט גוואַלדריסן טיפֿע אין גאָטהייט־געמיט,
ווי אָפֿט דיַין אַלצווייסן דעם אומוויסן דינט!

שאַרפֿזיניִק ויידעלע — תמימותדיק קינד.

ווילנע, יאַנואַר 1970

מענטש און אייביקייט

כ׳האָב געגנבעט בײַ דער אייביקייט אַ לעבן —
גאָר אַ פּיצינקס מיט אַ כּלומרשטיקער ווערט.
קאָן זי מיר עס אייביק ניט פֿאַרגעבן,
זעט מיך, ווי איר שׂונא אויף דער ערד;
שטראָפֿט מיך, רודפֿט מיך און טוט אָן רישעות —
ס׳האָסטו דער גרויסער אַלץ דעם קליינעם קוים.
וויפֿל ס׳האָט די אייביקייט מיר ניט געצאָלט נגישות,
האַלט זי, ס׳איז נאָך אַלץ פֿאַר מיר אַ קנאַפּער לוין...

כ׳האָב געגנבעט בײַ דער אייביקייט אַ לעבן,
וואָס זשע איז דערין אַזוי דער חטא?
איר ווערט סײַ ווי סײַ דאָך אַלץ צוריקגעגעבן
און ניט שײַך איז בײַ איר קיין פּרי און שפּעט.
נעמען בײַ דער אייביקייט איז ניט קיין גנבה:
אַלץ, וואָס כ׳נעם פֿאַר זיך, פֿאַר איר איך קלײַב.
ווי אין נחס צײַטוווײַליקער תּבֿה,
ראַטעוועט די אייביקייט זיך אין מײַן לײַב.

ווילנע, מײַ 1965

דאַרף מען ?...

דאַרף מען וועמען נאָך דערווייַזן,
אַז דער מענטש איז ניט פֿון אייַזן,
אַז זייַן טראָט איז אָפּגעמאָסטן,
אַז די פֿריידן ווייטאָג קאָסטן ?
דאַרף מען וועמען נאָך דערציילן,
אַז דאָס גאַנצע וועלט זיך טיילן,
און, דערקעגן, אַז פֿון טראָפּן
גלוסט זיך וואָרטוועלטן באַשאַפֿן ?
דאַרף מען וועמען נאָך דערקלערן,
אַז דעם אמת מוז מען הערן,
און אַז ווי ער זאָל ניט שנייַדן,
מוז מען קענען אים פֿאַרלייַדן ?...

ניין, מע דאַרף ניט !
יאָ, מע דאַרף !...

ווילנע, אַפּריל 1960

אויפֿן קוצו־של־יוד

אויפֿן קוצו־של־יוד —
אויפֿן שפּיץ פֿונעם פּיצעלע אות —
אָט דעם נאָדלשן שטאָך,
ווי אַ מילבשפּור די קליין,
הענגט אַ ריזיקע וועלט:
ימען, וועלדער און בערג,
וואָרעם, וואַלפֿיש און מענטש,
טרוים, ממשות און ווונטש.

אויפֿן קוצו־של־יוד —
אויפֿן קוים־קוים־פֿאַראַן,
אויפֿן מאָנצינקן קנאָפּ
צווישן זײַן און ניט־זײַן,
ווי אַ פֿידל כ'הענג אויף מײַן צערודערטן מוט,
און ער הענגט אַזוי פֿעסט
אויפֿן קוצו־של־יוד!

פֿונעם קוצו־של־יוד,
ווו ס'איז אַלץ הוילער תּוך —
ווו ניטאָ ס'איז קיין אָרט
פֿאַר ניט־עיקר און נישט,
פֿאַנג אַרויס איך דעם זין,
וואָס באַרויִקט מײַן בלוט.
גרעסטע גרויסקייט שטייט אײַן
אין איין קוצו־של־יוד...

ווילנע, יאַנואַר 1967

צוויי ציגעלעך

יעקב שטערנבערגן

איז געקומען דאָס ציגעלע פֿונעם חד־גדיא
צו דעם ציגעלע פֿונעם אחרית־הימים
און האָט זיך בלוטיק צעמעקעט:
„אוי, שוועסטערל, אוי,
וויי, צאַרטינקע, וויי,
גלייב ניט, האַרציקע, דעם נביא!
אויב מיך האָט געקאָנט אַ קאַטער פֿאַרצוקן,
ווי אַזוי קאָנסטו געטרויען אַ טיגער?"

האָט באַשמעקט דאָס ציגעלע פֿונעם אחרית־הימים
דאָס פֿאַרבלוטיקטע פֿעלעכל פֿון ציגעלע פֿונעם חד־גדיא,
האָט זיך דערשראָקן, געוואָרן נאָך ווײַסער ווי געווען
און האָט גענומען שטאַמלען:
„און די שעפּס, זאָג מיר, מיטן וואָלף ווי הויזט?
און דאָס קאַלב מיטן יונגן לייב ווי ליגט?
און דאָס ייִנגעלע — דער מענטש, וואָס איז נאָך ניט פֿאַרדאָרבן, —
פֿירט דען ניט אָן? גיט דען ניט אַכטונג?"

האָט שוין אַ שפּרונג געטאָן דאָס ציגעלע פֿונעם חד־גדיא
און מיט זײַן ביז הײַנט נאָך רינענדיק בלוט
פֿאַרשפּריצט דאָס ציגעלע פֿונעם אחרית־הימים:
„גלייב, נאַרישע ציג, גלייב דער נבֿואה!
דאָס ייִנגעלע וועט אויסוואַקסן און וועט פֿאַרגעסן גאָר,
אַז ער געהערט צו דער זעונג.
און ער, דער טיגער, מיט וועלכן דו לאַשטשעסט זיך אַצינד,
וועט דעמאָלט הערן דעם נבֿיא, פּונקט ווי דער קאַטער..."

ווילנע, אָקטאָבער 1967

„פּאַסטאָראַלע“

גוואַלדעוועט אַ פּײַפּיאָל —
דרעלט דעם באַרג און שווענקט דעם טאָל
מיט אַ ליד וועגן אַ פּאַסטעכל,
וואָס האָט זײַן שעפּעלע פֿאַרלאָרן —
לאָרן־לאָרן־לאָרן־לאָרן...

איבער שטיינער, איבער גראָז
ריזלט מענטשלעכער פֿאַרדראָס,
און דער אומרחמנות רײַסט —
אַ בוהײַיִשער צעווילדעוועטער האָרן
האָרן־האָרן־האָרן־האָרן...

ס'איז דאָס ליד שוין טאָקע אַלט,
ווי דאָס פֿעלד און ווי דער וואַלד,
ווי די אומגליקלעכע פּאַסטעכער,
וואָס ניט דערהערט בלײַבט זייער רופֿן —
רופֿן־רופֿן־רופֿן־רופֿן...

יאָמערט, שלוכצט דאָס נישטערליד,
און די וועלף ווערן ניט מיד
פֿרישע יונגע לעבנס
צו פֿאַרזוכן —
זוכן־זוכן־זוכן־זוכן...

שיט, שיט אָן דער פּײַפּיאָל
בערג פֿון טרערן אינעם טאָל,
מיינענדיק, אַז ער פֿאַרשיט אַזוי
די, וואָס פֿאַרצוקן —
צוקן־צוקן־צוקן־צוקן...

און דאָס לעבן פּליסט און פּליסט —
פֿאַסטעך ווײנט און וואָלף געניסט,
צײַן און נעגל שטעקן
אינעם יושרם דאָרן רוקן...

ווילנע, נאָוועמבער 1967

וועג...

זיך פֿאַרנומען אין אַ וועג
איך האָב אַ ווײַטלעכן
צו אַ ציל אַ ווונדערלעכן,
דאָך ניט דײַטלעכן.

האָט מיר נאָכגעשוועבט
אַ וועגווינט, אַ רכילותניק,
און געטענהט, סתּם איך גיי —
איך גיי און וויל עס ניט...

האָבן תּיכּף אים די הינט
געטרײַ פּאָטאַקעוועט,
מיט אַ רישעותדיק באַבילן
זיך געסמאַקעוועט,

אויף מײַן שטעקן זיך פֿאַרקוקנדיק,
געגוואַלדעוועט,
אַז מע טאָר ניט
מיטן גורל גיין אַ גוואַלדגעוועט...

ניין, כ׳האָב גאָרנישט ניט צום ווינט,
דעם לשון־הרעניק,
צו די הינט,
וואָס צו באַהאַווקען — זיי געבאָרענע.

ווינט איז ווינט, הינט בלײַבן הינט,
און צילן צילן זיך
אין דעם מענטש, וואָס זיך דערוועגט
מיט זיי צו שפּילן זיך!

זיך פֿאַרנומען אין אַ וועג
איך האָב אַ ווײַטלעכן.
בילן כּלבים, שעלט דער ווינט,
געמיינע לײַט לאַכן...

ווילנע, יאַנואַר 1969

ווער?

און ווער איז דער קלוגער, און ווער איז דער נאַר,
אַז ביידע זיי קאָנען ניט אויסמײַדן צער,
אַז ביידע זיי יאָמערן: „ווי, מע ווערט אַלט!"
און ביידן דער עבר געפֿאַנגענע האַלט?

און ווער איז דער צדיק, דער רשע איז ווער,
אַז ביידע פֿאַרלײַדן דעם חברס אַ טרער,
און ווי ניט פֿאַרווײַסן ס'זאָל גוטסקייט דאָס שלעכטס,
בלײַבט עוולה אַן עוולה, און קרעכץ בלײַבט אַ קרעכץ?

און ווער איז אַ גדול, און ווער איז אַ נישט,
אַז גרויסקייט און נישטיקייט קומען געמישט,
אַז דערנערקראַנץ חברט זיך מיט אָרעאָל,
און גאולה בײַט עול אויס אויף נײַערן עול?...

ווילנע, יוני 1967

על־חטא

מיינסט געווים, אַז כ׳האָב פֿאַרגעסן
צוליב וואָס איך בין געבאָרן,
און צוליב מײַן הײַנט־טאָג־אמת —
אמת אייביקן פֿאַרלאָרן...

מיינסט געווים, אַז פֿון די זיידעס
נאָר חסרונות כ׳האָב געירשנט,
און מײַן ריידן וועגן יושר
איז נאָר סתּם אַזוי געדרשנט...

מיינסט געווים, אַז איך האָב זשעדנע
כּבוד קערנערווײַז געקליבן,
און מיט מײַן צו שטאַרק זיך וואַשן
כ׳האָב מײַן פּנים אָפּגעריבן...

מיינסט געווים, איך מער נאָך בלאָנדזשע
גראָד ווען כ׳טראַכט, דער וועג מיר קלאָר איז.
מיינסט געווים, מײַן קורצער אָטעם
שולדיק איז אין מײַנע פּשרות...

כ׳ווייס, דו מיינסט, כ׳בין פֿול חטאָים,
און מיט מיטגעפֿיל באַווײַנסט עס.
כ׳ווייס נאָר ניט, פֿאַר וואָס מיר פּלוצעם
פֿאַלט אײַן מיינען, אַז דו מיינסט עס...

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

אויף דער שוועל...

אויף מײַן שוועל, שמאָלער שוועל
וועלטן צוויי זיך קרייצן.
טרעף און פֿעל, טרעף און פֿעל
מיט מײַן רו זיך רייצן.

קום צו גיין, קום צו גיין,
טרעט מײַן שוועל אַריבער.
כּעסן יאָ, גזלן ניין
בעטן דאָ זיך איבער.

אויף מײַן שוועל, גרויער שוועל
שײַן און שאָטן ליגן.
נעמט מײַן דורכגעבענקטע זעל
שיכּור לוט זיך וויגן.

קום צו גיין, קום צו גיין,
היפּ מײַן הויז ניט איבער.
זיסע וואַרעמקייט פֿון היים
איז דער שטאָלץ פֿון שטיבער.

ווי פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין זײַד,
מאַטערט זיך אַ פֿידל.
זײַן געוויין, דוכט זיך, באַטײַט
צום געוויין אַ ביטול.

קום צו גיין, קום צו גיין,
שפּרײַז די שוועל אַריבער.
ווי דאָס פֿידעלע איך וויין
און איך מיין, כ׳קרים איבער.

ווילנע, יאַנואַר 1971

גייער־ווייטיק

זאָג מיר, שטיין, וואָס ליגסט דאָ בײַ דעם וועג,
זאָל איך ספֿקן, צי איך טו ריכטיק,
וואָס פֿון איין אָרט צו אַ צווייטם איך שפּאַן אַוועק?
אפֿשר דאַרף מען גאָר לויט דיר זיך ריכטן:

ליגן־גליווערן, זײַן האַרט און פֿון איין גוס,
ס'זאָל ניט זײַן קיין אָרט אין אונדז פֿאַר שוואַכע ערטער,
און ניט וויסן זאָלן מיר פֿון דעם פֿאַרשאָלטענעם געַנוס —
דאָס זיך פּוצן רק מיט שיינע טװונגען און הויכע ווערטער.

אָ, דו שטיין, וואָס קיינעם האָסט ניט אויף דער וועלט
(כאָטש עס איז פֿאַראַן אַ וועלט מיט שטיינער),
עס געפֿעלט מיר ניט, וואָס דיר אַזוי געפֿעלט
זײַן צופֿרידן, ווען דו מיינסט, דו ביסט נאָר איינער.

אָט־אָ טרײַבט עס מיך דאָך אום פֿון פּלאַץ צו פּלאַץ,
ווײַל איך האָב אַלץ אַ געפֿיל, אַז איך בין עלנט,
און מײַן אומרו מיט דער מאָס פֿון ביטול שאַצט
אַלע פּשרות — צײַטווײַליקע אָפּרושטעלן.

זאָג מיר, שטיין, וואָס דאָ בײַם וועג דו ליגסט,
וואָס אויף רוקן דײַנעם האָט מען שוין אַזוי פֿיל פֿיס איבערגעבונדן,
און דעם אמת וועגן וועג אין זיך דו שטיקסט,
ווען וועט מען שוין פֿונעם גיין ניט אָנטרעטן זיך וווּנדן?

ווילנע, יוני 1971

אָוונט־געדאַנקען

איז אַ טעות דען דאָס ווערן אַלט?
ווּ זײַנען די שוואַלבן, וואָס געזען האָסט אין דײַן קינדהייט?
וויפֿל מאָל דערפֿילט האָסטו: עס ווערט דיר קאַלט
דווקא דעמאָלט, ווען דערפֿאָלג האָט אויפֿגעפֿינקלט?...

ניין, דאָס לעבן פֿליט ניט, ווי אַ בומעראַנג —
ניט צוריקצוקומען זײַנען טעג אַוועקגעגאַנגען.
פֿרייסט זיך מיטן גאַנג, און ער איז גאָר פֿאַרגאַנג.
מערקסט ניט, אַז פֿאַרלאַנג לעשט אוים פֿאַרלאַנגען.

אויבן — שטערן, אונטן — קוואַקערײַ פֿון פֿרעש;
אַלץ, קומט אוים, באַשטייט פֿון פּינטעלעך און פּיצלעך.
איטלעך ברעקעלע — מער נס, ווי יש;
און אויך דער שלימזל איז אויף אונדזער ערד אַ מוצלח...

ווילנע, 1965—1961

וואָס ?...

דורכגעניִשטערט הונדערט וועלטן,
אויסגעגאַנגען טויזנט וועגן,
שטאַרט דער קלוגער מאַן פֿאַרלאָרן,
ווי געקרייִציקט אויף זײַן פֿרעגן —
„וואָס ?”

אָ, די דערנערקרוין פֿאַראַכטע,
וואָס צו יעדן איינעם פּאַסטו,
שוין זשע מוזן די געדאַנקען
זײַן אין שטעכערס אײַנגעפּאַסטע ? —
„וואָס ?”

אײַלן קורצלעביקע רגעס,
ווערן צײַט, וואָס איז אומענדלעך.
דאָך נאָך אַלץ, וואָס איז דערקלערלעך,
און נאָך אַלץ, וואָס איז פֿאַרשטענדלעך —
„וואָס ?”

האָסט געשטאָלפּערט, האָסט געשטרויכלט,
ווי קאָן דיר זײַן שווער אַ לאַגע ?
זע, ווי נאַריש ס׳איז דער ענטפֿער,
זע, ווי קלוג עס איז די פֿראַגע !
„וואָס ?”.

ווילנע, אַפּריל 1970

***

יעדע נאַכט קומט צו חלום מיר אַ שד אָן עובֿר-בטל,
טענהט, אַז ער וווינט דאָ גופֿא אויף מײַן בוידעם
און אַז ער געווען איז אויפֿגעטראָגן מיט מײַן זיידן.

איי, מײַן זיידע האָט געגלייבט נאָר אין מלאכים?
איי, איבער מײַן הויז איז גאָר ניטאָ קיין בוידעם?
איי, קיין שדים זײַנען דאָך בכלל ניטאָ?

אים גייט עס ניט אָן:
„ניט דערוועג זיך, שרײַט ער,
ניט דערוועג זיך, אַפּיקורס,
כּופֿר זײַן אויך אין דער טומאה!"

יפו, אויגוסט 1974

שלאָפלאָזיקייט

ס׳האָט דער האָרן פֿון לבנה דורכגעלעכערט מיר דעם שלאָף...
וואַלגער איך זיך אויף מײַן בעטל, פּונקט ווי ער צעשטאָכן.
הער איך, ס׳פּלוישט צו מיר דער יִיאוש: „מזל-טוב!
מזל-טוב דיר, וואָס געטרויסט ניט מער דעם אָפּנאַרער — בטחון!

ליג אַ ווײַלע רויִק, וואַרף זיך ניט אַזוי!
ליג און צייל, ווי ס׳טוט דײַן דופק — האָרעפּאַשניק,
און די נאַכט, וואָס איז הײַנט אַזוי אויסגעצוואָגן בלוי,
מיטן זלידנעם שוויים פֿון אומגעדולד באַוואַש ניט.

ס׳דוכט זיך דיר עס, אַז דו הערסט עס קרייט אַ האָן.
כ׳מיין, דו האָסט דעם שווינדל, וואָס דערין, פֿאַרשטאַנען.
ס׳קומט אַהער דאָס קרייען פֿון פֿאַרשוווּנדענעם אַמאָל.
דאָ, אין גרויסשטאָט, זײַנען דאָך קיין הענער ניט פֿאַראַנען...

וואָס זשע סטאַרעוועסטו זיך אַזוי אַ קוק צו טאָן אויף מיר?
ווייסט דאָך גוט, אַז דו ניט זען וועסט מיך במילא.
אָט-אָ עפֿנט, אָט-אָ עפֿנט זיך באַלד אויף די טיר
און, אַן אײַנגעהילטע אין אַ פּעכיקער פֿאַטשיילע,

קומט אַ באָבע-יאַכנע ברודיקע אַרײַן,
שליסט די וויִעס דיר, דו זען זאָלסט גרויליקע חלומות:
„אויב דיר אויסגעפֿעלט נאָך אויף דער וואָר האָט פּײַן,
זײַ זשע, האַרציקער, מטריח זיך דערטרוים עס...״

וואָס זשע קערט עס דיך אַזוי פֿון זײַט אויף זײַט,
און דו דרייסט זיך, ווי אַ לאַשיק, אַ פֿאַרוווּנדעטער אין רוקן?
שטילע נאַכטצײַט, זאָגסטו, איז די שווערסטע צײַט?
יאָ! פֿאַר דעם, וואָס מורא האָט דעם אמת אין די אויגן קוקן.

זיבן מאָל שוין דו ביז הונדערט האָסט געציילט,
און די וויִעם דײַנע, ווי געווען, זײַנען נאָך אָפֿן.
פֿון דעם אייביקייט-קאַטשאַן געשיילט האָסט און געשיילט
די פֿאַרפֿוילטע בלעטער — רגעם פֿון ניט שלאָפֿן.

אָ, ווען וועט ער, דער קאַטשאַן, שוין נאַקעט זײַן,
אַז דערזען זאָלסטו די אייביקייט אַ ניט-פֿאַרהילטע?
אָ, ווען וועסטו שוין דעם חושך אויפֿנעמען ווי שוואַרצע שײַן,
און זיך פֿרייען מיט באַגערן דווקא ניט-דערפֿילטע?

וועט עס דעמאָלט שלאָף זײַן, מידקייט, פֿוילקייט אָדער גליק?
מעגלעך, גלײַכער גאָר וואָס עס ווערט אָפּגעלייגט טאָג-טעגלעך.
פּרוּוו זשע איצטער ציילן שוין פֿון הונדערט אויף צוריק,
וועסטו אפֿשר יִינגער ווערן. וועלן צוטאָן זיך די אויגן-לעפֿלעך"...

ווילנע, פעברואַר 1969

אַרום פאַרגעלטן פּאַרק

שולדגעפיל

כ׳האָב אויסגעזעצט שויבן —
זונס אָפּשײַן צעבראָכן,
מיט גלאָזענע דרויבן
די הענט זיך צעשטאָכן.

איצט פּרוּוו איך די פינגער
באַוואָלטע שטרעקן.
כ׳וויל מאַכן זיך גרינגער
מיט תּנועות פֿון פֿרעגן.

נאָר פֿרעג-תּנועות שנײַדן,
ווי פֿײַנדלעכע תּשובֿות,
און כ׳קען זיי ניט מײַדן,
כאָטש כ׳פּרוּוו עס און כ׳פּרוּוו עס...

כ׳האָב אויסגעזעצט שויבן.
איצט שעלט איך די סיבה.
געדאַרפֿט נאָך מײַן גלויבן
כ׳וואָלט זעצן זיך שיבֿעה,

נאָר עפּעס איך צווייפֿל,
צי כ׳האָב אויף דעם רעכט גאָר.
עס וואָלט נאָר געכפֿלט
מײַן דינען דעם הפֿקר...

ווילנע, יאַנואַר 1967

דער שטיין

וויפל זונען
האָבן דורכגעטראָגן זיך שוין איבער מיר?
וויפל שטערן
זײַנען פֿאַרבײַ מיר געפֿאַלן?
ס'לאָזט אַ מאָל אויף מיר אַ בושל זיך אַראָפּ
די פּים די לאַנגע קילן,
ס'טרעפֿט, אַן אַלטן דורכגייער
ווערט מיט אַ מאָל צו שוואַך זײַן שטעקן...
בלײַבט עס אָבער אַלץ אויף יענער זײַט
פֿון מײַן פֿאַרקילטן דרימל.

שפּרייט זיך אויס
אַ שײַנענדיקער זומערדיקער טאָג,
ווערט אויף לאַנקעס אַרום מיר
אַ טומלדיק געלויף:
נאָך אַ פֿלאַטערל מע יאָגט זיך,
מיט אַ באַבעלע מע שפּילט זיך,
מע פֿאַרקוקט זיך אויף אַ בלימל.
אומבאַמערקט אָבער פֿאַרבלײַבן
שווערקייט, שטײַפֿקייט, רויִקייט...

ווער וועט זיך דערוועגן זאָגן:
ווען בין איך אַהער געקומען,
אויב די סאַמע עלטסטע דעמבן
האָבן מיך דאָ שוין געפֿונען?
כ'האָב קיין וואָרצלען און קיין שטאַם ניט,
כ'האָב קיין בלעטער און קיין בליִונג,
איך פֿאַרמאָג ניט צווײַגן, פֿליגל,

אויג און אויער, קאָפּ און האַרץ.
ווילט ניט, אַז איך זאָל געפֿעלן,
כ׳האָב ניט שלאַבעריקע שיינקייט.
בלויז די צײַטווײַליקע קווייטן
זײַנען דופּטיקע און בונטע.
אייביקייט איז האַרט און גרוי.

ווילנע, פעברואַר 1964

מוסר

ס'איז דײַן קאָפּ אַ קופּערטל זכרונות,
דײַנע אויגן — קוילן, וואָס פּאַרלײַדן ניט קיין פּונק.
אפשר ווײַל געגאַנגען אַלץ ביסט צווישן בוינעס,
ברעכסטו אויף בהמה־לשון איצט דײַן צונג:

„מו־ו־ו! — די וועלט ליגט צווישן גראָז און חלף!
מו־ו־ו! — דאָס לעבן איז אַ ווערן זיך פּון וועלף,
און אַ חיות איז פּאַרשפּאַרט צו זײַן אין שטאַלן,
ווען עס גייט נאָר אינעם ראַטעווען די פּעל"...

זשאַלעב איז דײַן וואָך, און פּאַשע איז דײַן יום־טוב.
צופּסטו, קײַסטו, שלינגסט און ווידער קײַסט,
און דיך אַרט ניט, וואָס פּאַר דעם טוסט מיט דײַן ווערדע צאָלן.
גראָז — דײַן גרויסקייט, גראָז — דײַן גרײַז...

ווילנע, אויגוסט 1971

תשליך

פאַר שמואל שעלדאָן

פֿאַלט, פֿאַלט,
אויסגעניצטע זינד!
זאָל דער שטראָם פֿאַרטראָגן אײַך אַהין,
פֿונוואַנען ס'איז ניטאָ מער קיין צוריקקער!
זאָל פֿאַרשלעפּן אײַך דער אַנגעוויסנדיקער ווינט
אין אַ הרי־חושך־העק, ווו נישטיקייט איז עיקר...

פֿאַלט, פֿאַלט,
אויסגעוועפּטע זינד —
דאַרע זיסע ראָזינקעס
נאָך לעבעדיקע טרויבן!
פֿאַלן איז דאָס איינציקע, וואָס עס פֿאַרדינט
בײַזאַך, וואָס געקומען איז דעם תּוך באַרויבן.

פֿאַלט, שיט זיך,
פֿליסט און שטראָמט אַוועק,
אַז ניט איבערבלײַבן זאָל פֿון אײַך
קיין שפּור און סימן,
אַז מיר קאָנען זאָלן נאָך די אויסגעפֿלעקטע טעג
מיט אַ זויבערקייט געוואַשענער זיך רימען!

ווילנע, נאָוועמבער 1967

קוקסט אין שפּיגל...

קוקסט אין שפּיגל, ווי מע קוקט
אין אַ ברונעם טיפֿן.
מאָלע וואָס ס׳קאָן אײַנפֿאַלן,
ווען ס׳פֿאַרגלוסט זיך שטיפֿן.

אויב ס׳איז מערניט אַ קאַפּריז,
פֿרייט עס מיך אַפֿילו.
אָבער טאָמער מיינסטו עס
ערנסט גאָר, חלילה?...

דעמאָלט איז שוין אַ געפֿאַר.
דעמאָלט דאַרף מען זאָרגן,
זאָלסט ניט בײַ דער אויסטראַכטונג
טראַכטעניש באָרגן,

זאָלסט ניט אויסלייגן פֿאַרקערט:
מענטש איז מאָלפּעס זיידע,
און דײַן יורש וועט אין וואַלד
מוזן מאַכן פּליטה...

קוקסט אין שפּיגל, ווי מע קוקט
אין אַ ברונעם פֿלאַכן.
מאָלע וואָס ס׳פֿאַלט אײַן דעם מענטש,
גלוסטיקן און שוואַכן.

סײַ ווי וועט ער קיין מאָל ניט
קאָנען עס דערפֿילן,
אויב ער דאַרף זיך דינגען רק
מיט זײַן מוט און ווילן,

אויב ער מוז אַ לעבן לאַנג
זוכנדיק פֿאַרלירן,
מיט זײַן איך די אייביקייט
בלויז קוים־קוים באַרירן.

קוקסט אין שפּיגל — קוקסט זיך אָן,
שמייכלסט העל־צופֿרידן,
און דאָס גלײַכגילטיקע גלאָז
ווײַזט אַ פּרצוף מידן.

ווילנע, מאַרץ 1969

ראָמאַן

דושנע. ס'פּאַרעט.
ס'איז אויף רעגן.
אָטעם איך — אַ מידער טרעגער,
און אין מוח די געדאַנקען
דרייען זיך — געציינטע רעדער.

דושנע. ס'פּאַרעט.
זײַן ס'וועט רעגן.
הייב איך אויף דעם קאָפּ צום הימל,
זען, ווי ס'רוקט זיך אָן די כמאַרע.
זע איך אַ צערודערט שמײַען —
שוואַרצע גליבעם נע-ונדע.

דושנע. ס'פּאַרעט.
נעם איך אײַנזען:
וואָלקנס זײַנען גאָר ניט וואָלקנס,
זיי די שאָטנס פֿון געשטאַלטן —
אויסגעחלומטע פּאַרשוינען
אָזש ביז אייגן-זײַן באַקאַנטע.

דושנע. ס'פּאַרעט.
און די כמאַרע
מאָלט אַ מראה נאָך אַ מראה:
דאָן קיכאָט אַראָפּ פֿון פֿערד איז,
קושט די האַנט פֿון דולצינעען.
פֿאַוסט, פֿאַרקנעכטיקט צו זײַן גאווה,
פֿירט, אַ שטײַפֿער, מאַרגאַריטען.
און אָטעלאָ דרייט די אויגן —
גרייט זיך שטעכן דעזדעמאָנען...

דושנע... ס'פּאַרעט...

ווילנע, אויגוסט 1971

***

פֿאַר וואָס ביסטו ניט מודה זיך,
אַז ביסט נאָך אַלץ געטרײַ
דײַן אומרו דעם צעבוויטעטן,
וואָס גייט דיר ניט פֿאַרבײַ?

אין קליינלעכקייט אַרײַנגעטאָן,
דו לייגסט צום בייזן אויס,
אַז כ'בין נאָך אַן אָראַנג-אוטאָן;
נאָר כ'האַלט דעם וואַלד ניט אויס,

האָב איך זיך אויסגעבויט אַ שטוב —
פֿון לייב און שלאַנג אַ שוץ,
און איך אַהין מײַן איך פֿאַרשטופּ,
מײַן איכיש האָב-און-גוטס...

ניין-ניין, עס איז גאָר ניט מײַן הויז
בלויז מיקלט פֿונעם וואַלד.
איך פֿונעם דזשונגל בין אַרויס
ניט בלויז ווײַל ס'הערשט דאָרט גוואַלד,

נאָר ווײַל דאָרט איז אַן ענגע וועלט,
און ס'האָט מײַן אויג געמאָנט
אָט דאָס, וואָס מער פֿון אַלץ דאָרט פֿעלט:
דאָס זען אַ האָריזאָנט.

ווילנע, מאַרץ 1971

גאַנג

ברעקלען משוגענע זייגערס די שעהען, —
שפּאַלטן די רגעס אויף וויינען און לאַכן,
העפטן צוזאַמען באַפעלן־בעל־מומען:
„וויין! — לאַך!", „וויין! — לאַך!".

וויינען די ווילע און לאַכן די קוילערס,
דרייען פאַרעקשנטערהייט זיך די ווייזערס, —
אייביקער גאַנג פון פאַרכישופטע מעסטערס:
„וויין! — לאַך!", „וויין! — לאַך!".

ערגעץ פאַראַן איז אַ סטאַטישער אמת.
צווינגט ער, מיר זאָלן אים נעמען בשלמות.
ווירבלט די בלוטן היסטערישע סתירה:
„וויין! — לאַך!", „וויין! — לאַך!".

זענען דעם אמת משוגענע זייגערס,
זוכן דעם אמת משוגענע מענטשן.
הילכט זייער טראַט מיט אַ צווייִיקן עכאָ:
„וויין! — לאַך!", „וויין! — לאַך!".

ווילנע, יאַנואַר 1970

אויב דו ביסט מיט זיך צופרידן...

אויב דו ביסט מיט זיך צופֿרידן,
נעם אַוועק פֿון זיך דעם שפּיגל.
ביסטו ניט מיט זיך צופֿרידן,
האָב אויף זיך אַליין פֿאַראיבל.

ס׳איז איין שולדיקער פֿאַראַנען,
און דו ווילסט אים ניט געפֿינען,
לאָזסטו זיך אויף אומוועג שפּאַנען,
ס׳זאָלן דיר טעותים דינען.

און דעם אמת איז שוין נימאס,
אים באַגלייטן זאָלן גרייַזן,
אַ צעפֿרעסענער פֿון פּגימות
פֿאַר דער וועלט זיך צו באַווייַזן.

ער וויל ער זייַן, שטענדיק — ער נאָר.
ער בלויז גראָדקייט קאָן פֿאַרלייַדן,
כאָטש ער, ווי בייַם הירש די הערנער,
אָפֿט מאָל איז אַ שויבער צווייַגן.

טויזנט מאָל האָסט עס פֿאַרשטאַנען,
טויזנט איין מאָל עס פֿאַרגעסן.
פֿון אַן אומוואַלגערן צאַמען
ביסט אַ לעבן לאַנג באַזעסן,

יאָגסט זיך נאָך אַ בלויען פֿויגל,
וואָס פֿאַרמאָגט נאָר שיין געפֿעדער.
דייַנע קינאה-שׂינאה-אויגן
גיבן עס דייַן האַרץ אַ היתּר,

סע זאָל לעכצן, סע זאָל שמאַכטן,
בענקען נאָך אַן עורבא פּרח,
זען ווי אַ גן־עדן־תּחתּון
וויסטע קופּעס מיסט און פּאַרעך...

אויב דו ביסט מיט זיך צופֿרידן,
נעם אַוועק פֿון זיך דעם שפּיגל.
ביסטו ניט מיט זיך צופֿרידן,
זע, צי זאָגסט ניט זיך אַ ליגן!

ווילנע, מײַ 1971

פרילינג

אזא געזאַנג
האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געהערט.
סע זינגען
ניט די פֿייגל, נאָר די ביימער;
און קנאָספּן
זײַנען מער פֿון שנאָבלען ווערט,
ווער ס'איז ניט זשעדנע,
זינגט אויך רייִנער...

איז זינגען עס די ביימער איצט?
ניין, ס'זינגט די צײַט;
און איר עס איז קיין חילוק ניט
דורך וועמען זי וועט זינגען.
עס טרעפֿט דאָך,
אַז דאָס נאָענטע שלינגט אײַן די ווײַט,
קען טרעפֿן אויך,
עס זאָל אַ טאָג די אייביקייט פֿאַרשלינגען...

ווילנע, מײַ 1964

האַרבסט

אַרום פֿאַרגעלטן פּאַרק
שטייען אַלע הײַזער ווי שפּיטאָלן.
קיין מאָל איז די צײַט נאָך ניט געווען
אַזוי געדיכט...

איז עס דען דערפֿאַר,
וואָס אומעט ווערט געגעבן נאָר אַ פֿולע מאָס ?
צי דערפֿאַר, וואָס שוואַלבנפֿלי
צעשנײַדט ניט מער די גאַנצקייט ?

וואַרט ניט אויף אַן ענטפֿער.
ער ליגט אַרומגעגריזשעט און פֿאַרדאַרט,
אַז דו פֿאַרבײַטסט אים
מיט אַ קליאַנבלאַט אויף דער געלער קופּע...

וואַרט ניט אויף אַן ענטפֿער,
עס איז די צײַט, ווען עס געדײַען פֿראַגעס.

ווילנע, אָקטאָבער 1963

***

טענהסט: „עס איז אַלץ אַ חלום!"
נו, און אויב שוין יאָ, איז וואָס?
אַלמאַי ווילסטו רק צאָלן
הויכן מקח פֿון פֿאַרדראָס?

קלערסט: דאָס גוטע דוכט זיך אויס דיר
און דאָס שלעכטס איז עכטע וואָר.
יאָ, עס טרעפֿט, עס איז דער פּרוזדור
פֿונעם טרקלין שענער גאָר.

מיינסט, דו נאַרסט זיך? נו, איז וואָס זשע?
ס׳קאָן אויך דאָס זײַן אַ דערגרייך.
גיכער דאַרף דיר זײַן גאָר קשה,
וואָס דערלאַנגסט צו אַזאַ הייך.

קנאַפּ? ביסט ניט צופֿרידן? מילא!...
ס׳קלעמט דיך ס׳אויסגעמיטן זײַן?
ביסט ניט אַזאַ וואַזשנע כּלי,
מעגן זאָלסט צופֿרידן זײַן!...

ווילנע, דעצעמבער 1968

אַ „דו־דו־לע״

אַ קליינע מאַדאַנע מיט אַ גרויס גאַטעלע אויף די הענט
שטייט ביי מיין פענצטער
און קוקט אויף מיר מיט מוטנע פאַראיבלדיקע אויגן.

האַלט איך ניט אויס איר תרעומות־בליק
און לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ אין אַ פאַרלעגנהייט
וואָס איך ווייס אַליין ניט איר סיבה.

זאָל עס זיין דערפאַר, למאַי אויך איך האַלט ניט
אַ גאַטעלע אויף די הענט?
צי אפשר דערפאַר וואָס איך כאַפּ זיך ניט,
אַז זי איז אויסן אַ נדבה?

פאַרשעם איך זיך, וואָס איך בין חושד אַ גאָטמוטער אין בעטלעריי,
און כּדי אויסצוקויפן מיין געמיינע מחשבה,
טו איך דריי מאָל אַ פאַרנייג זיך פאַר איר:
זיי, יסורים־מוטער, מיר מוחל! זיי מיר מוחל! זיי מוחל!...

ווערט זי אויפגעמונטערט, צערייסט איר סודותדיקע פאַרשוויגנקייט
און נעמט טרויעריק, אומבאַהאָלפן פּיפּסן:
„גיט עפּעס פאַר אַן אָרעם קינד,
וואָס וועט אַ מאָל נאָך אויסלייזן די וועלט!
גיט עפּעס, אַניט וועט עס אויסגיין פון הונגער
און איר, אומווערדיקע, וועט פאַרבלייבן אָן אַ גאולה!״

„כ׳האָב ניט ביי זיך קיין געלט, גנאָדיקע!
כ׳האָב גאָרנישט, גאָרנישט, חוץ אַ ביסעלע גלויבן,
און אויך דאָס מערניט ווי אויף קליינע הוצאות...״

ווערט זי אויפגעבראַכט, און מיט ווילדסטער רציחה
טוט זי אַ זעץ דאָס קינד אָן דער ערד:
„נאַט, פאַרשאָלטענע קאַרגוטשעס, נאַט אייך!

בלײַבט אָן אַ גאָט, מעג ער זײַן אַפֿילו אַ ממזר!"
און זי אַנטלויפֿט, באַדעקנדיק אַלץ און אַלעמען
מיט באַליידיקנדיקסטע זילזולים און קללות...

בייג איך זיך אײַן,
קלײַב צונויף די שטיקלעך פֿונעם צעשפּליטערטן גאָטעלע,
וואָס זײַנען גאָר ניט פּיצלעך לײַב, נאָר שאַרסטיקע שערבלעך,
און קלעפּ זיי צונויף.
ווערט פֿון זיי ווידער אַ גאָטעלע, אָבער דאָס מאָל שוין אַ מער אייגנס.
גלעט איך אים: „אוי, אומגליקלעך יתומל וואָס דו ביסט!
אַפֿילו דײַן מאַמעלע גופֿא רופֿט דיך „ממזר"...
זאָג, ליבינקער, ווער איז דײַן טאַטע?"
עפֿנט אויף דאָס גאָטעלע זײַן באַגאָווערט מײַלעכל און ענטפֿערט
שנײַדיק קאַלט און איינדרײַטיק זיכער: „דו!"...

קוק איך זיך אַרום צי עמעץ האָט, חלילה, ניט געהערט:
„האָסט אַ טעות, גאָטעלע, ניט איך, ניט איך בין דײַן טאַטע".
פֿאַרציט ער די ליפּעלעך נאָך מער פֿאַרעקשנט
און צעשרײַט זיך: „ניין! דו!...
נ אָ ר ד ו!...
ד ו! ד ו! ד ו! ד ו!"...

פֿאַרשווינדלט עס מיר דעם קאָפּ אַזוי,
אַז פֿונעם ליגנערישן „דו-דו-דו!"
ווערט מיט אַ מאָל גאָר דאָס באַהאַרצטע גאָטלויביקע „דו-דו-לע":
„מזרח — דו, מערב — דו, צפֿון — דו, דרום — דו".

„דו-דו-דו-דו" — זעגט עס מיר אונטער די פֿיס,
טו איך אַ פֿאַל אַוועק אויף דער ערד,
ווער צעשמעטערט, ווי פֿריִער דאָס גאָטעלע,
און איטלעך שפּליטערל מײַנס פּלייצט מיט בלוט און טענהט:
ווײַ! ווײַ! ווײַ! ווי דער גלות האָט עס אַרײַנגעממזרט
פֿרעמדע השגות אין אונדזער מוח!...

יפו, 1טער אויגוסט 1974

דער טרויממערדער

און ווײַל ס׳איז אַלץ געווען
פֿאַרקערט פֿון דעם ווי כ׳האָב געוואָלט,
האָב איך פֿאַר כּעס געכאַפּט אַ קיכמעסער
און האָב מײַן טרוים געקוילעט.

האָט ער געכאָרכלט,
מיט די אָפּגעשוואַכטע פֿליגל קוים געפּאַטשט
און זיך פֿאַרכליניעט מיט זײַן בלוט,
וואָס איז (אָ, גרויסער וווּנדער!) בלוי געווען גאָר...

די גאַנצע וועלט געבליבן הענגען איז
אויף אַ זיך וויגנדיקן האָק,
און ס׳האָט דערהערט זיך, עמעץ טענהט:
„אַזוי געמיין!
אַזוי געמיין! —
גאָר מיט אַ קיך-מע-סער?
דערצו נאָך מיט אַזאַ,
וואָס איז שטשערבאַטע?!”...

געשניטן האָט דאָס שטראָפֿנדיקע טענהן.
און איך האָב ניט באַנומען,
אַז דאָס טענה איך גאָר — איך צו זיך אַליין —
אַזוי ווי ניט פֿאַרשטאַנען כ׳האָב,
אַז שעכטן מיט אַ חלף איז ניט לײַטישער,
ווי מאַכן עס מיט אַ שטשערבאַטע מעסער,
און אַז דאָס ניט-געוויינלעכע, דאָס בלויע בלוט
איז גאָר ניט קנאַפּער שרײַיִק פֿונעם רויטן...

געלעגן איז מײַן טרוים געשאָכטן,
און איך געקילט מײַן האַרץ האָב מיט מײַן טענהן —
מיט אָט דער אומנוציקער מעקענע פֿון ווערטער,

וואָס קיינער ניט געהערט האָט זיי,
און איך, וואָס האָב זיי יאָ געהערט,
האָב ניט געוואָלט זיי הערן...

איך ווייס: ס׳וועט באַלד אַרויסקומען די זון
דאָס אָרט פֿון מאָרד באַשײַנען.
נאָר, ווײ, ס׳וועט קיינער ניט באַשולדיקן דעם מערדער.
אַ טרוים, וואָס ווערט געשאָכטן, ווערט טאַקע אַ קדוש,
דאָך דער, וואָס קוילעט אים,
באַקומט דעם אָנזען פֿון אַ גאָטספֿאַרכטיקן שוחט...

ווײַל עס איז אַלץ געווען
פֿאַרקערט פֿון דעם ווי כ׳האָב געוואָלט,
האָב איך געטאָן אַזוי,
ווי ס׳האָט זיך מיר געדוכט, איך וויל.
און אויסדוכטעניש איז דאָך ווידער אַ מאָל טרוים;
קומט אויס, אַ טרוים גאָר האָט מײַן טרוים געשאָכטן...
ניין! ניט נאָר וואָס כ׳האָב זיך פֿאַרראַטן,
כ׳האָב נאָך דערצו באַדינט זיך מיט אַ טרוים — פֿאַררעטער;
באַגאַנגען כ׳בין אַ צווייפֿאַכיקע זינד.
און ווער אַ טאָפּלטן פֿאַרברעך באַגייט,
מוז אויך אַ שטראָף אַ צווייִיקע באַקומען;
ווײַל בלוט איז ווײַט ניט בלויז דער בליאַסק פֿון לעבן,
ס׳איז אויך זײַן תּוך!
עס איז דער פֿליסנדיקער אומרו
פֿונעם שטענדיק וועלן בײַזײַן.

איז שלעפּ איך אום זיך פֿינצטער אָן מײַן טרוים,
ווי קַיִן אָן זײַן ברודער...

אַ שוחט, שוחט,
האָב דאָך מוט צו זײַן דײַן שופֿט!

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

ווער ווייסט אים דעם ווייזער פון זייגער?

עבודה

זיץ איך אין מײַן קאַמער
און איך שרײַב —
פֿאַר מײַן אומרו
די באַשערטע ווערטער כ׳קלײַב.
ניט איך קלײַב,
נאָר איך גאָר זיפּ —
כ׳זיפּ אָפּ אַלע איבעריקע,
וואָס מיר קומען אויף דער ליפּ,
און כ׳לאָז איבער יענע נאָר,
וואָס זײַנען אומפֿאַרבײַטלעך, ווייטיקדיק־געניי.

(גאָטעניו, זאָל עס נאָר זײַן אַזוי!).

ווילנע, דעצעמבער 1970

די פעדער

פֿאַר חסיה שמוקלער

איז געווען אַ מאָל אַ פֿעדער.
האַלטן זי געקאָנט האָט יעדער.
ווער ס'האָט זי אין האַנט גענומען,
האָט אַ העל געמיט באַקומען,
און געשריבן, און געשריבן,
און עס איז אים נאָך פֿאַרבליבן...

כ'האָב אַ מאָל געכאַפּט די פֿעדער,
ווען געבליט עס האָבן סעדער,
ווען געפֿלויגן זײַנען בושלען,
שטיל געלעגן זײַנען מושלען,
ווען ס'איז אַלץ, אַזוי ווי שטענדיק, —
אמתדיק און אומבאַשטענדיק...

האָב איך דעמאָלט זיך צעשריבן:
וואָס אַ שורה — גראַמען זיבן,
וואָס אַ פֿערז — אַ טוץ געפֿילן.
ס'איז געראָטן מיר אַנטהילן
ווײַטע אויסגעטראַכטע וועלטן,
וואָס אין טרוים אויך זײַנען זעלטן...

יאָ, אויך איצט איז דאָ די פֿעדער.
האַלטן זי מעג יעדער, יעדער,
אָבער שאַפֿן נעמט זי ווונדער,
נאָר ווען ס'האַלט אַ האַרץ זי אונטער.
האַרץ נעמט ברויזן, שרײַבן מוז זי.
טינט, וואָס בלוט איז, ניצט די מוזע.

ווילנע, פעברואַר 1957

***

ווי, וואָס צער ס׳קומט אויס צו צאָלן
פֿאַר אַ קורצן ראָזן חלום!
אויף די סאַמע העכסטע פּרײַזן,
וואָס מע צאָלן מוז פֿאַר גרײַזן,
דוכט זיך, קיין באַטרעף ניט האָבן
קענען די־אַ יקרות־גאָבן...

ס׳פֿירט דער גורל — מאַראַוויכער —
האַרב זײַנע חשבונות־ביכער.
ער, דער קאַלטבלוטיקסטער צורר,
אומגערעכט גערעכטער בורר,
זינט די אוראַלטסטע לאַנגאַנען
האַלט כּסדר אין איין מאָנען...

ווי, וואָס צער ס׳קומט אויס צו צאָלן
פֿאַר אַ קורצן ראָזן חלום!
הײַנט וואָס צער ס׳קומט אויס צו צאָלן
פֿאַר אַ לאַנגן בייזן חלום?!

ווילנע, אָקטאָבער 1970

אָן ווערטער...

זינג אַ ניגון מיר אָן ווערטער
(מעג ער זײַן אַ שווין געהערטער),
זאָל זײַן קלאַנג זײַן אויך זײַן תּוך.
זעסט, דער פֿויגל קען עס דאָך!

זינג אַ הוילן, הוילן ניגון —
נאַקעט פֿונעם פּוין און ליגן,
וואָס זיי — אָפֿט אַזוי עס טרעפֿט —
צו דעם וואָרט זײַנען באַהעפֿט.

זינג אַ ניגון, פֿרײַ פֿון ווערטער.
אפֿשר וועט אַזוי באַשערט דיר
זײַן צו לײַטערן דאָס וואָרט.
ווײַל דאָס וואָרט באַדאַרף מען פֿאָרט!

ווילנע, מײַ 1957

פריידיקע רגעס

פֿריידיקע רגעס, ווי טראָפּנדלעך רעגן,
וואַשן די שײַבעלעך פֿון מײַן נשמה.
ווערט אַזוי פֿרעמד מיר, ווי איוב צו פֿרעגן
און בײַ דעם גורל אַ חשבון צו מאָנען.

כ'האַלט ניט פֿון זוכן אַנטרונענע גליקן,
כ'קלער ניט, אַ חיוב איז זיי צו געפֿינען.
גיכער, איך מוז זיך מיט עפּעס אַנטציקן
און זיך אַנטווישן אין מיטן דערינען...

כ'ווייס, דוכט זיך, גוט די געפּלאָנטערטע וועגן
פֿון לאַבירינט, ווו מיר בלאָנדזשען אום יאָרן,
נעמט אָבער פֿײַקלען פֿון פֿרילינג אַ רעגן,
ווערט גלײַך מײַן גאַנצע געניטשאַפֿט פֿאַרלאָרן.

דאַרף עס באַטײַטן, אַז כ'האָב ניט דערוואָרבן
דאָס, וואָס דעם מענטשן איז נייטיק פֿאַרמאָגן?
דאַרף עס באַטײַטן, אַז איך בין אַ קרבן,
ווײַל אין מײַן יאָגן זיך פֿעלט דאָס דעריאָגן?

פֿאַרביקע רגעס, ווי קרעלן בײַ ווילדע,
טוען מײַן בושמעניש לעבן באַצירן.
שפּילטעג פֿאַרשפּילטע, אין טרוימען פֿאַרהילטע,
מיט קונציק געפֿעלשטע זכרונות פֿאַרפֿירן.

ווילנע, מאַרץ 1968

***

איך האַלט דעם אמת אין מײַן האַנט,
און כ׳ווייס, אַז ער, דער ליגנער, ווייסט,
אַז ער איז קיין מאָל ניט געווען אַזאַ,
ווי כ׳האָב זיך אײַנגעעקשנט זען אים.

איז פּוץ איך אים און שײַער אים,
פֿון רגע כ׳ווער געטרײַער אים,
און אים בעת־מעשׂה גייט גאַר אָן,
ווי ממזרישער מיך צו נאַרן...

נאָר סאַראַ ברירה האָב איך דען?
ווי קען איך לייקענען אין אים?
אויב ער זאָל זײַן: ניט וואָס ער איז,
ווער איך דאָך אויך: ניט דער, וואָס כ׳בין...

— — — — — — — — — — — —

אַ, פּלאַטערל,
וואָס קוים איין טאָג דו לעבסט,
ס׳קאָן זײַן,
אַז דיך גאַר האָב איך אין מײַן האַנט געהאַלטן...

ווילנע, אויגוסט 1971

פֿאַרשטיינערטקייט

פּלוצעם דוכט זיך מיר, איך האָב אין גליק מײַנעם קיין חלק ניט,
און מײַן פֿרייד איז נאָר אַ ווײַסער שוים אויף גרויען שלײַם.
קלער איך מער ניט, אַז צופֿרידנקייט אַ היילונג גיט,
אַז פֿאַראַן איז עפּעס וווּנדערלעכס אין אונדזער זײַן.

שפּרייט זיך אױס פֿאַר מיר אַ וועג אַ מאָל באַטראָטענער,
אַ פֿאַרוואַקסענער פֿון לאַנג אויף אים ניט גיין,
אַ פֿון אַלעמען געמיטענער (כאָטש ניט פֿאַרבאָטענער),
און אין סאַמע, סאַמע מיט זײַנער: אַ גרויסער שטיין.

איך בין עס דער שטיין באַמאָכטער, פֿאַרלישײַעטער,
איך בין עס די שווערקייט און די גרויקייט פֿון געמיט,
איך בין עס דער האַרטער גלײַכגילט דער פֿאַרטײַעטער,
וואָס אים רײַסט ניט אויף אַפֿילו נײַגער-דינאַמיט...

ליג איך אויפֿן וועג, ניט פֿריידיק און ניט טרויעריק, —
אַ מין מרה-שחורה-לאַטע אונטער סנאָפּעס שײַן.
אַלצדינג אַרום מיר איז, ווי דער רויך ניט-דויערדיק,
און דאָס שטאַרע אייביק זײַן צווינגט עלנט זײַן.

ווילנע, מײַ 1968

ווער ווייסט אים, דעם ווײַזער פון זייגער?

ווער ווייסט אים, דעם ווײַזער פֿון זייגער,
צי ער זיך אַ מאָל ניט פֿאַרטראַכט,
אַז פונקט ווי ער דרייט זיך כּסדר,
זײַן דרייען זיך עמעץ באַטראַכט? —

באַטראַכט, קוקט זיך צו, עפּעס זעט ער,
אַזוינס, וואָס ניטאָ איז, ער מעסט,
געפּינט אוים אַ פֿ ר ײַ ע ר און ש פּ ע ט ע ר,
אַן איצט, וואָס ער באַלד אים פֿאַרגעסט...

וואָס דאַרף ער, דער ווײַזער, אַלץ טײַטן
אויף צייכנדלעך פֿון נע-ונד?
צי קאָן דען דעם אומענד פֿאַרבײַטן
אַ רונדער באַציפֿערטער בלאַט?

ווי קאָן עס אַ גייער געפֿעלן
צו גיין אַלץ דעם זעלביקן וועג,
זיך פֿאַרשטעלן, אַז זײַן פֿאַרשטעלן
זיך בינדט מיט אַ העכערן צוועק?

ווער ווייסט אים, דעם אייביקן שלײַכער,
צי בײַ אים זיך אַ חשש ניט דערוועקט.
צי פֿאַלט אים ניט אײַן, אַז ס'איז גלײַכער
אַ וועג, וואָס זיך ערגעץ ווו עקט?...

ווילנע, יולי 1966

זעט אַ ייִד, עס רייטלען זיך די שויבן...

זעט אַ ייִד, עס רייטלען זיך די שויבן,
ווייסט ער, עמעץ ערגעץ וועמען שעכט,
רישעות טוט פֿאַרגוואַלדיקן און רויבן,
אומרעכט ווייזט זײַן נידערטרעכטיק רעכט.

פּסח איז דער יום־טוב פֿון באַפֿרײַונג,
פֿרילינג איז די צײַט פֿון יונגער זון.
ווילדעוועט אַ בלוטיקע פֿאַרשרײַונג —
בייזוויליקסטער בילבול שמײַעט אום...

וואָסער ייִד האָט ניט אַ מאָל געפֿונען
אין זײַן בעכער ווײַן אַ רויטע טרער?
אויסקלער וועגן אָפּסמען די ברונעמס,
שׂינאה פֿון דעם תּושב צו דעם גר,

שקרים פֿון מנוּוולדיקסטן שיפֿלות
גייען פֿוסטריט נאָך פֿון לאַנד צו לאַנד,
פּאַרלאַמענטן, בירהײַזער און תּיפֿלות
האָדעווען די האַסערישע שאַנד...

זעט אַ ייִד, עס רייטלען זיך די שויבן,
ווייסט ער, עמעץ ערגעץ וועמען שעכט.
ווייסט ער, פֿינצטערניש קאָן זײַן אַ גלויבן,
מאָרד און הערצער קאָנען זײַן פֿאַרפֿעכט...

ווילנע, מאַרץ 1968

ציגעלע־מיגעלע, ווו ביסטו?

ציגעלע־מיגעלע, ווו ביסטו?
וואָס ביסטו אַנטלאָפֿן?
ווען עס וועקט מיך ניט דײַן „מע",
איז מיר פֿרעמד מײַן שלאָפֿן...

כ'פֿיל ניט מער די וואַרעמקייט
פֿון דײַן פּוכיק פֿעלכל.
כ'הער ניט מער, ווי ס'גרײַזלט זיך
דײַן אַסקעטיש קולכל.

ציגעלע־מיגעלע — צאַפּיקל,
העלער פֿון אַ מלאך,
ווער האָט זיך דערוועגט אויף דיר
אויפֿהייבן אַ חלף?

ליגסט מער ניט בײַ וויגעלעך,
צופּסט ניט שטרוי פֿון דעכער.
אינעם וויגליד האַרציקן —
גוואַלדריסן און לעכער...

ציגעלע־מיגעלע — צאַפּיקל,
ס'ליגט דײַן „מע" געשאָכטן.
אָ, ווען ס'קען דײַן האַרנדל
מיר אין האַרץ אַ שטאָך טאָן!...

ווילנע, יוני 1970

נאָכן חורבן אין אַ ניט־חרובער היים

(נאָך־מלחמה־שטימונג)

מײַן שװעסטער חנהן

...ניט געביטן זיך די גאַסן,
די אַלעע — װי געװוען.
קינדער שפּילן זיך אין „קלאַסן"
מיטן זעלבן תּמימות-ברען.

יאָ, דאָס זעלבע, זעלבע שטעטל,
מערניט: עפּעס קלענער, דוכט.
פֿרעמד! כאַטש הענג אַרויס אַ צעטל:
„ס'װערן אײגענע געזוכט!"

ניין, מע טאָר ניט, טאָר ניט טאָן עס,
װען מע װײסט, אַז ס'איז אומזיסט.
דעם בטחונס זאַבאַבאָנעס
ליגן לאַנג שוין אויפֿן מיסט...

און עס נעמט צו מיר זיך קלעפּן
אַזאַ פֿינצטערער פֿאַרדראָס —
עס פֿאַרדריסט װאָס מענטשן לעבן...
דאָ אַ לעבן גאָר?... צו װאָס?...

און דאָס האַרץ טוט װאָלפֿיש הוילן,
ס'בלוט אין יעדן אָדער שרײַט.
אָ, דו גרויליקסטער פֿון גרוילן —
חורבן אין ניט-חרובקייט!...

װילנע, מײַ 1945

ירושה

איך הער דעם גאַנג פֿון דורות
אין מײַן דופֿק.
און יעדער גליד מײַנעם
רופֿט אָפּ זיך זייער טראָט.
אָ, זיידעס, וואָס אין קלעם
פֿון חושך, האַס און דוחק,
איר האָט פֿאַר אַלץ געהאַט
איין איבער־תּירוץ — „גאָט”,
כ'היט אָפּ דעם קלאַנג
פֿון אײַער טראָט פֿאַרשאַלטן
בײַ מיר אין האַרץ,
בײַ מיר אין פּולס,
בײַ מיר אין בלוט.
אין קלענסטן קנייטשעלע
פֿון מײַן נשמהס פֿאַלבן —
דעם פּריצס רוט,
דעם קאָזאַקס קנוט,
דעם שײַטערס גלוט...

ווילנע, מאַרץ 1970

נאָך אוישוויץ

די לבֿנה — אַ האָרן פֿון אַ פּרה־אַדומה
(וואָס איר אַש איז ניט בכּוח מער מטהר זײַן טמאים)
וואַלגערט זיך אויף אַ פֿאַרמיסטקאַסטיקטן הימל,
אַ גרייטע געגריזשעט צו ווערן פֿון איבערגעהונגערטע וועלף.

ווי אין אַ ברודיקן טלית
וויקלט זיך די שכינה
אין צעקאַדערטע וואָלקנס
און לערנט זיך בײַ ירמיהון וויינען.

קינות העלפֿן אָבער ניט.
אָפּגעטאָן איז אָפּגעטאָן,
מכּל־שכּן, ווען מען איז אַ גאָט
און מע פֿאַרמאָגט נאָך דערצו אַן עבר
פֿון שוין צוויי מאָל לאָזן פֿאַרברענען קדשי־קדשימס...

„אויה לי! אויה לי!
קנאָפּ זײַנען מיר געווען נבוכדנאצר און טיטוס,
האָב איך געדאַרפֿט
אַ נאָך טויזנט מאָל רישעותדיקערן פֿאַרטיליקער?!..”

לאָזט דער בורא אַראָפּ זיך אויפֿן פֿוסבענקעלע
וואָס בײַ זײַן כּסא־הכּבוד
און רעדט צו זיך שטראָפֿרייד,
למאַי ער האָט זײַנע הבלדיקסטע הבלם
איבערגעענטפֿערט אין די הענט
פֿון די סאַמע קינדיקסטע קינס...

„אויה לי! אויה לי!
געווען אין גאַליציע אַ טײַער יידיש שטעטל אָשפּיצין,
האָב איך, שאַנד־און־וויי איז מיר, דערלאָזט

סע זאָל מפֿורסם ווערן ווי אוישוויץ...
„על חטא שחטאתי לפֿניך" איז אַ האַרב מודה זײַן,
אָבער „על חטא שחטאתי קעגן זיך אַליין"
איז אָן אָן ערך האַרבער —
דאָס איז דאָך די באַשטעטיקונג פֿון אַ זינד,
וואָס פֿון איר ווײַכט יעדע פֿאַרגעבונג,
און מאַכן אַ חילוק צווישן „בשגגה" און „במזיד"
איז לגבי גאָט דאָך ניט שײַך"...

„אויה לי! אויה לי!
די סיטרא־אַחרא קאָן אַפֿילו אויף אַ קופּע מיסט זיך וואַלגערן,
אָבער די שכינה מוז דאָך האָבן אַ היכל.
טאָ ווי האָב איך עס דערלאָזט מע זאָל חרוב מאַכן
אַלע באַ'מזוזה'טע הײַזער, אויה לי?!"

„אויה לי! אויה לי!"
הזרן איבער די דונערן
און צעפֿאַלן זיך אויף צינישע לאַפּיטוטן־געלעכטערלעך.

און גאָט (שוין אויסגעלערנט זיך בײַ ירמיהון קלאָגן)
קאָן נאָך אַלץ ניט אויסלערנען זיך בײַ ישעיהן טרייסטן...

יפו, אויגוסט 1974

##ביידע...

איך וואָלט געווים אַרומגענומען ליבשאַפֿטלעך געטרײַ
דעם בלײַענדיקן קאַרשנבוים — דעם העלן טרוימער,
נאָר כ׳בין ניט מער אין מײַנע תּנועות פֿרײַ,
און אויך מײַן אויגנשײַן איך ניט געטרוי מער.

דער בייזער שטורעם האָט דאָס זײַניקע געטאָן —
צעבײַלט די האָפֿענונג, די זיכערקייט צעטרייסלט.
ווי קאָן מען מוטיק אָנהייבן אַ נײַעם קאָן,
ווען ס׳צווינגט די צײַט זײַן: אָט אַ וואָרעם, אָט אַן אייזל?...

פֿאַרגליווער איך די הענט, וואָס זײַנען אומאָרעמען גרייט,
איך זאָל דעם בלײַענדיקן בוים ניט זײַן מטמא.
איך בינד, פֿאַרקרעמפּעווע זיי מיט מײַן צווינגענדיקער ווילנקייט —
דאָס ווערטיקסטע, וואָס כ׳האָב געאַרבט פֿון טאַטע-מאַמע.

בלײַב איך שוין אויך שטיין, ווי דער פֿרילינגדיקער בוים,
אָן איינגעטונקטער אין מײַן בליִונג — די רעיונות.
איך פֿיל מײַן קאָפּ, ווי ס׳פֿילט דער קאַרשנבוים זײַן קרוין,
און כ׳טראַכט ווי ער, אַז צוויטבלעטלעך זײַנען חלומות.

איך ווײס: אויך ער וואָלט מיך אַרומגענומען האַרציק און געטרײַ
מיט זײַנע צווײַגן די צעלויכטענע פֿון צוויטן.
געווים איז דער געוויטער-שטורעם שוין פֿאַרבײַ;
מיר האָבן טאַקע אויסגעהאַלטן,
אָבער ניט געמיטן...

ווילנע, יאַנואַר 1945

זינגען מיר...

פאַר די קינדער, געראַטעוועטע פון די נאַצי־לאַגערן.

זינגען מיר אַ ווינטערליד
אויף לויכטנדיקן שניי:
קיין מאָל ניט פֿאַרשווינדט דער ייִד
צולהכעיס טאַקע זיי!

פֿון געטאָווענט פֿאַרבלוטיקטע,
פֿון טרערן און פֿון וויי
מיר שטייען אויף דערמוטיקטע
צולהכעיס טאַקע זיי!

זינגען מיר אַ פֿרילינגליד
אויף פֿעלדער אין פֿאַרזיי:
קיין מאָל ניט פֿאַרשווינדט דער ייִד
צולהכעיס טאַקע זיי!

מיט הערצער דורכגעריסענע,
פֿול טרויער און געשריי,
מיר המשכן פֿאַרביסענע
צולהכעיס טאַקע זיי!

זינגען מיר אַ זומערליד
אויף שמעקעדיק פֿריש היי:
קיין מאָל ניט פֿאַרשווינדט דער ייִד
צולהכעיס טאַקע זיי!

דאָס בייזס איז אומרחמנותדיק,
נאָר יונגער ייִד פֿאַרשטיי:
ס'איז גוטסקייט מער עקשנותדיק
צולהכעיס טאַקע זיי!

זינגען מיר אַ האַרבסטיק ליד —
אַ טרויעריקס פֿאַר זיי:
קיין מאָל ניט פֿאַרשווינדט דער ייִד
צולהכעיס טאַקע זיי!

ווילנע, יאַנואַר 1945

און עס וועט זײַן...

ווען ס'וועט דער חלום ווערן וואָר,
וועלן די שוואַרצסטע פֿייגל ווערן ווײַסע,
און פּונקט ווי פֿרילינגצײַט, וועט שוין אַ קײַלעכיק גאַנץ יאָר
אַ צוגווינט שײַן זיך טראָגן דורך די הײַזער.

עס וועלן אַלע סומנע בענקשאַפֿטטעג
פֿאַרגעסן זייער נודיענדיק גרוי מאָנען.
אויף שטאָט און וואַלד, אויף היים און וועג
וועט אויסשפּרייטן זיך לויטערער אַחרית-הימים...

דער העלער צוזאָג, וואָס יאָרטויזנטער איז אַלט,
ער מוז און וועט לסוף מקוים ווערן.
אַיעדע נאַכט אַ שטערן ערגעץ פֿאַלט,
און דאָך בלײַבט איבער אַלץ אַ פֿולער הימל שטערן.

ניט איין מאָל שוין האָט פֿון דער ערלעכקייט זיך אויסגעפּיקט פֿאַרברעך,
און אָפּגענאַרט האָט הייליקע נבואה.
אַנשטאָט אַ האַר פֿון מילך, מע ציט אַ שטריק פֿון פּעך,
און שטאָלצע האָפֿענונג שלעפּט אום זיך קרוע-בלוע...

מעג ס'וואָרט נבֿיאישע פֿאַרהאַרטעוועט זײַן און פֿאַרגלייזט,
באַדעקט מיט קרעץ, מיט בײַלן, מיט לישײַען,
גליט פֿאָרט אין האַרץ אַחרית-הימימדיקע טרייסט,
אין יעדן, וואָס איז ווערט דעם נאָמען מענטש, לעבט אַ ישעיה...

ווילנע, יוני 1956

לחיים!

נתנאל סאַקסן

און ווי ווערטפֿול ס׳זאָל ניט זײַן דער אַלטער ווײַן,
צי איז ניט ווערטפֿולער פֿון אים דער אַלטער בעכער?
לחיים פֿאַר דער משקהס פֿינקלשײַן!
לחיים פֿאַרן צײַטווײַליקסטן אומעט־ברעכער!

לחיים דעמאָלט, ווען ס׳באַדאַרף ערשט זײַן!
לחיים דעמאָלט, ווען עס ווערט מקוים!
מע ראָט אויס קראָפּעווע, מע כאָוועט לײַן,
און דאָך איז מען צעשטאָכענע און קרוע־בלוע...

איבער דעם אַלטן בעכער מיטן אַלטן ווײַן
עס מורמלען אַ לחיים אַלטע ליפּן.
אויב ס׳מוז שוין אַ געוועין ווערן פֿון יעטווידן ס׳וועט זײַן,
טאָ לאָמיר זשע כאָטש דעם עס איז ניט איבערהיפּן!
לחיים!!..

ווילנע, מײַ 1966

יעקבס חלום

א האַרטער שלאָף,
אַ שטיין צוקאָפּנס,
און צווישן קאָפּ און שטיין — אַ דלאָניע.
די נאַכט איז זים, ווי פּרישער האָניק,
דער חלום פּליסט, ווי ריינער בוימל...

אַ יונגער שלאָף,
אַ שטיין צוקאָפּנס.
עס ליגן לעבן מאַן זײַן שטעקן,
זײַן קלומיקל מיט האַרטע קעזלעך,
און ס׳קוקט אויף זיי דער שוואַרצער הימל
מיט גרויסע נײַגעריקע שטערן...

אַ טיפער שלאָף,
אין שלאָף אַ זעונג:
אַ לייטער שטייט, זײַן שפּיץ — אין הימל,
און אויף די העלע שטאַפּלען זײַנע
סע שטײַגן, נידערן מלאכים.
אַנשטאָט זיך אויפהייבן און שוועבן
זיי קלעטערן, ווי מענטשנקינדער,
און פליגל טוען קוים אַ צאַפּל
נאָר אויף צו ראַטעווען די גלײַכוואָג...

אַ זיסער שלאָף,
אַ ווונדער־זעונג.
די נאַכט פּליסט: אייל געמישט מיט האַניק.
ס׳שטײַגט יעדערער פֿון די מלאכים
אַרויף צום סאַמע שפּיץ פֿון לייטער
און לאָזט צוריק זיך באַלד אַרונטער.
עס טראָגן זיך, ווי ווײַסע ווינטן,
די הימל־שׂרים פֿון די פֿעלקער.
ס׳גייט יעדערער פֿון זיי דעם וועג דורך
(דעם גאַנג אַרויף און דעם אַראָפּגאַנג),
וואָס וועט באַשערט זײַן אין דער צוקונפֿט
דעם פֿאָלק, וואָס ער איז זײַן באַשיצער.

אַ גרויסער שלאָף,
אַ מאָדנער חלום.
און ס׳ליגט דער פֿאָטער פֿון אַן אומה
און גיט ניט אונטער זיך דער זעונג.
דער אָנהייבער פֿון שטאָם דעם נײַעם
געטרויט זײַן וווּנטש מער ווי די אויגן:
זײַן מלאך אויבן וועט פֿאַרבלײַבן,
זײַן פֿאָלק וועט וויסן נאָר אַרויפֿשטײַג —
רק אויפֿגאַנג, אויפֿגאַנג אָן אַראָפּגאַנג...

*

הייבט זיך דער מלאָכים־גאַנג און נידערט,
טריפֿן פֿון די פֿליגל צאַרטע לידער.
כאַפּט זיי אויף די צוקונפֿט־גאַרונג און צעפּויקט זיי...

— — — — — — — — — — — — —

ווו די האָפֿענונג זעט קלערער, ווי דאָס אויג זעט,
איז אַ הייליקטום. גאָטס הויז איז דאָרט!
ניין! ניט לוז, נאָר בית־אל הייסן מוז דאָס אָרט...

ווילנע, יוני 1969

דער ברענענדיקער דאָרן

והנה הסנה בוער באש והסנה איננו אוכל (שמות ג, ב)

ציטערן בײַ משהן
די מגושמדיקע הענט:
ס׳ברענט דער דאָרן,
ס׳ברענט דער דאָרן
און ווערט ניט פֿאַרברענט...

ווי זאָל עס אַ פּאַסטעך
אַזאַ מאָדנעם בראַנד פֿאַרשטיין:
זאַמד און וויסטעניש,
און מיט אַ מאָל גאָר גאָט אַליין?!

ניין, ס׳איז ניט דער דאָרן בלויז,
דער גאַנצער מידבר, דוכט זיך, פֿלאַמט.
קנאַקט און שמעלצט זיך,
קנאַקט און טרערט דאָס אָנגעגליטע זאַמד;

און דער פּאַסטעך — בלייך, פֿאַרלאָרן —
שטייט און קוקט.
ווי זאָל ער אַזוינס באַגרײַפֿן —
פֿײַער ניט פֿאַרצוקט?!..

דריקט ער צו צו זיך
די ווייכע, פֿיבערדיקע לאָם.
ווי אַ שווערער אָדלער-פֿליגל
פּאַטשט און פּאַטשט דער פֿלאַם,

ס׳בושעוועט מיט רוגזה
בייזע רויטקייט, וואָס פֿאַרלענדט,
און דער דאָרן פֿלאַקערט,

און דער דאָרן פֿלאַקערט,
און ווערט ניט פֿאַרברענט...

וואָס אַזוינס געשעט דאָ?
סאַראַ צייכן קען עס זײַן?
ווּ איז גאָט, ווּ?
ווּ איז גאָט, ווּ —
אין דער קראַפֿט צי אין דער שײַן?

שטייט דער פּאַסטעך
שטאַר, ווי אויסגעהאַקט פֿון שטיין,
קוקט אין פֿלאַקער,
דאָך ער זעט גאָר גושנס ליים...

וואָס געשען וועט?
וואָס ווערט ווערן מיט ישׂראלס הויז,
אַז דער דאָרן פֿלאַקערט,
אַז דער דאָרן פֿלאַקערט,
ברענט ניט אויס?..

פֿיבערט משה. ציטער ריזלט
דורך די אָדערדיקע הענט —
ער אַליין שוין, ער אַליין גאָר
ווי דער דאָרן ברענט...

היץ אין מידבר, נס אין מידבר,
פֿלאַם און שווער געמיט.
שטייט דער פּאַסטעך, אַ געפּלעפֿטער,
און זײַן דמיון בליט.

ביי דעם פֿלאַקער פֿונעם דאָרן
מיט דער גרויסקייט האָט ער זיך באַקענט:
ברענען, ברענען —

שטענדיק ברענען
און ניט ווערן אויסגעברענט!

ס'וועט דער פֿלאַמענדיקער וווּנדער,
וואָס דורך אים אַנטפּלעקט זיך גאָט,
צו באַפֿרײַען זײַנע ברידער
ווענדן איצט זײַן טראָט!..

ווילנע, דעצעמבער 1967

פּרעהס חלום

און דער הערשער,
וואָס פּלעגט יעדע נאַכט אין טיפּסטער רו פאַרזינקען,
שלאָפּזעונג ניט זען, צי אפשר תּיכּף זי פאַרגעסן,
האָט אין איינעם פון די טעג, ווען ס׳פּלייצט דער ניל אוים,
אויף זײַן בעט פון העלפאַנדביין געזען אַ חלום:

ס׳ברויזט דער טײַך, פאַרגיסט מיט שוים די פּלאַכע ברעגעס.
אינעם שלײַם — צעמורזשעטע צעווייקטע וואַסערפלאַנצן.
ווי אַ זילבער-וואָלקן שוועבט די פּרייד פון קומענדיקער שפע,
פּלייצנדיקע לינדקייט צערטלט די דערקוויקטע גלידער.
און ער שטייט, דער הערשער,
אויפן ברעג פון ברייטן טײַך צעשפּילטן,
איינער — אָן זײַן לײַבוואַך, אָן זײַן סוויטע.
גאָרנישט לעבעדיקס אַרום
(אַפילו ניט קיין הונט און ניט קיין פויגל) —
אַזאַ לײדיקייט, וואָס ניט בײַ טײַכן טרעפט,
נאָר בלויז אין הארץ פון מידבר...

מיט אַ מאָל ער זעט:
די אייבערפלאַך פון וואַסער נעמט זיך הוידען.
ניט קיין כוואַליעפאַלדן, ווי געוויינלעך, זיך קאַלויטשען —
בערגלעך קומען אויף און וואַקסן, ווערן גרעסער, רונדער, העכער;
און אָט שטעקן פון די בערגלעך שוין אַרויס גאָר הערנער.
זיבן קעפּ פון קי סע שטײַגן פונעם מוטנעם וואַסער.
נאָך די קעפּ — אויך העלדזער, גוידערס, אײַטערס, טלאָען.
זיבן פעטע קי מיט גלאַנצנדיקער פעל און לויכטנדיקע אויגן
טויכן פונעם טײַך אַרויס און מיט אַ גאַנג געמיטלעך-גרינגן
לאָזן זיך אַוועק מיושבדיקע פונעם גראָז געניסן...

שטייט דער הערשער, ווי פֿאַרגולמט, קוקט אויף זיי דערשראָקן,
גלײַך ס'וואָלט יעדערע פֿון זיי זײַן ניט אַ קו אַ פּשוטע, נאָר כאַטאָר *.
וואָס אַזעלכעס זעט ער דאָ איצט אויפֿן וויסטן טײַכבערג?
ווער קאָן אַזאַ אומגלייבלעכע וואָר באַנעמען?

שטייט דער הערשער, קוקט דער הערשער, זעט דער הערשער:
אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון טײַך עס נעמט זיך ווידער בערגלען,
און די בערגלעך וואַקסן, ווערן גרעסער, קײַלעכדיקער, העכער —
נײַע זיבן קעפּ פֿון קי עס הייבן זיך אַרויס פֿון וואַסער,
נאָך די קעפּ — די העלדזער, גוידערס, ווײדלען, טלאָען.
זיבן קי מיט זײַטן אײַנגעפֿאַלענע און שטאַרצנדיקע ריפּן —
קי מיט אויגן הונגעריקע און מיט אײַנגעדאַרטע אײַטערס —
רוקן זיך פֿאַרשטאַרטע איבער דער באַשלײַמטער לאַנקע
צו די ווילגעהאָדעוועטע שיינהייטן די פּעטע.
ריזלט סלינע פֿון די מאַרדעס קרעציקע אויף די צעפּלאַצטע טלאָען,
שטיקט אַ שינאה-מרוקעניש דאָס מרוקעניש פֿון ווילטאָג,
און עס וואַרפֿן זיך אַרויף די זיבן מיאוסניצעס בייזע
אויף די זיבן שיינהייטן געכאָוועטע באַלײַבטע,
שלינגען אײַן זיי מיט דער רישעותדיקסטער רוגזה
און פֿאַרבלײַבן אויסגעדאַרט און העסלעך, ווי געווען...

— — — — — — — — — — — — — —

אויפֿגעכאַפּט האָט זיך מצרימס הערשער
אויף זײַן שטרויספּוך-פּערענע, פֿון שווידערשווייס באַנעצטער,
און געבליבן ליגן נאָכן אויסטערלישן וויסטן חלום,
ווי עס וואָלט אויך אים פֿאַרצוקט די פּרעסערישע דער...

ווײ איז אים, דעם אייבערהערשער פּרעה!
אַזאַ זעונג רויבט די רו בײַם מוטיקסטן באַצווינגער.

* כאַטאָר — די אוראַלטע מיצרים האָבן זייער גאָט פון הימל און פון גערעטעניש זיך פאַרגעשטעלט אין געשטאַלט פון אַ קו.

מאַכט פֿאַרלײַדט ניט, אָנמאַכט זאָל באַזיגן.
הערשאַפֿט קאָן ניט צווען,
ווי די שוואַכקייט שלינגט אײַן קראַפֿט!..

ווילנע, מאַרץ 1968

אַ פישל אויף דער ווענטקע

צאַפּלסט אויפֿן האָקן.
אָנגעשטאָפּט מיט ווייטיק
האָט דיך פֿאַלשע גאָב.

יעדע ווײַל אַ צי טוט,
יעדע ווײַל אַ ריס טוט,
שאָבט די קעל און שאָבט.

ווײַט — די ליבע טיפֿקייט,
אוים — דאָס פֿרײַע שווימען,
אומנייטיק — די זעט.

ס׳ווערעמל פֿון לעבן
איז געווען אָן לעבן.
זיך געכאַפּט צו שפּעט!

ווילנע, סעפּטעמבער 1965

קי

א

אין מײַן פּוכקער קינדהייט
אין פֿאַרטרוימטן שטעטל
פֿלעג איך יעדן זומער
יעטווידן פֿאַרנאַכט
מיט אַ זיסן האַרצקלאַפּ
שטיין בײַם הויז און קוקן
ווי עס קומט די סטאַדע
פֿונעם פּאַשעפֿעלד.

ברוינע קי און שוואַרצע,
גלאַטע און געפֿלעקטע
שלעפּן זיך געלאַסן,
וויגן שווערע אײַטערס,
טרײַבן מיט די ווײדלען
וועספּ און פֿליג אַוועק...

יעדע, יעדע ווײַלע
זונדערט זיך אַ קו אָפּ,
שאַלט ווי אַ טרומייט אוים
אַ פֿאַרבענקט געמרוקע
און זי ווערט פֿאַרשלונגען
פֿון אַ טיפֿן הויף.

און אַזוי אָן אויפֿהער —
איינע נאָך דער צווייטער —
קו נאָך קו פֿאַרשווינדן.
עס צעגייט די סטאַדע
אין אַ לויג אַ גרויען,
בין־השמשות־נעצן
הילן אײַן די הײַזער,

טשערעדעס פֿון שאָטנס
פֿילן אָן די גאַס...

ב

אין מײַן הווה האַרטן
אין דער שטאָט דער גרויסער,
ווי אין יענע יאָרן
זע איך טעגלעך קי.
דאָך זיי טאָפּטשען מער ניט
וויגנדיק די זײַטן,
זיי צו פֿוס ניט גייען
אויף מײַן גרויסשטאָטגאַס.
אין פֿורגאָנען הויכע
מיט שפּאַרונע־פֿענצטער
פֿירט מען זיי כּסדר
פֿאַר מײַן הויז פֿאַרבײַ.

ניט קיין פֿיס, ניט עקן,
ניט קיין אײַטערס, גוידערס,
מערניט שטערנס, הערנער
זעען זיך אַרום.
ניט צו שטילע הויפֿן,
ווו סע שמעקט מיט קלעווער,
נאָר צום חלפֿס נחלה,
ווו סע שטינקט פֿון בלוט...

ווילנע, יאַנואַר 1971

וואַלד־באַלאַדע

וואַקסן ביימער גלײַכע,
וואַקסן ביימער קרומע.
לעבט אויף זיי אַ פֿרײַע
שטאָלצע פֿייגל־אומה.

צוויטשערט זי באַגינען,
טרילערט זי אין אָוונט,
ווייסט ניט פֿון קיין אָנהייב,
טראַכט וועגן קיין סוף ניט.

קומען שאַרפֿע ווינטן
פֿון די ווײַטע ימען,
שײַערן און פוצן
די באַיאָרטע שטאַמען.

צי די זון ברייט שמייכלט,
צי די שטערן ווינקען,
ס׳איז דער וואַלד ניט מפֿסיק
אויף קיין ווײַל זײַן זינגען...

שטייען ביימער גלײַכע,
שטייען ביימער קרומע.
טראָגט זיך פֿון זיי שירה,
כאָטש זיי זײַנען שטומע.

קום איך צו דעם וואַלד צו
און פֿאַר אים פֿאַרנייג זיך,
מיטן גרעסטן אָפּשײַ
אויף זײַן גבול איך לייג זיך:

הער איך מאָדנע קולות
פֿון זײַן טיפֿקייט שטײַגן
(גאָרניט ווי דאָס צאַרטע
צוויטשען אויף די צווײַגן):

ס'הערן זיך אַ רעוועז,
ריטשען, ברילן, וויען —
ווילד געיעג נאָך זאַטקייט,
איך-איך-איך-שגעון.

ניין, ניט אַלץ נאָך זײַנען
די געזאַנגען פֿרײַע.
וואַלד איז ניט נאָר פֿויגל,
וואַלד איז אויכעט חיה.

און די פֿייגל גופֿא
מיטן טרעלן-צוקער
זײַנען אויך, חוץ זינגערס,
גיריקע פֿאַרצוקערס...

ווילנע, מאַרץ 1971

קהלתדיק

אַט אַזוי, אַט אַזוי
ווערט דאָס קראָ־שוואַרצע גרוי,
און דער העלער אַמאָל
דריקט — אַ בלײַענער עול.

ס׳איז אַ שטורעם פֿאַרבײַ,
ס׳איז אַ וואָלקן אַוועק,
און אַ נאַר פּאַפּוגײַ
האָט גערעדט צו זײַן שרעק...

כאַפּ זשע אָן דײַן באַגער,
אים גזלניש דערשטיק,
ער ניט קומען זאָל מער,
מעשׂה מעקלער פֿון גליק!..

ווילנע, דעצעמבער 1969

***

פֿאַראַן איז אַ ליכטיקער אומעט,
וואָס הייליקער איז פֿון דער פֿרייד.
ער האָט טאַקע פֿינגער פֿאַרקראַמפּטע
און שפּילט אויף אַ פּראָסטיקער פֿלייט,

דאָך כאָטש פֿון אים ווייעט אַ קאַלטקייט,
ער הייוון איז פֿאַרן געמיט.
אויף האַרץ, וואָס געפּלאָגט איז מיט ווייטיק,
אַ היילפּודער גרויען ער שיט.

טוט אָפּ זיך די בונטע מחשבה,
וואָס טרעפֿט רק צו קוועלן די זעל,
און ס'דאַכט זיך, אַז פּונקט אין דער גרויקייט
געפֿינט מען דאָס העלסטע פֿון העל.

פֿאַראַן אַזאַ גינציקער אומעט —
אַזאַ וואָס פֿאַרשאַפֿט ניט קיין לייד.
ער איז גאָר אַ חדווה פֿאַרשטעלטע —
אַ מין למד-וואָווניצע פֿרייד...

ווילנע, מאַרץ 1970

***

פֿאַר מאַרגאַרעטע האָלצמאַן

האָב איך זיך געכאַפּט, איך טראַכט אַ נאַרישן געדאַנק,
און דערפֿרייט זיך, וואָס כ׳בין קליגער פֿון מײַן טראַכטן.
האָב איך אָנגעהויבן שפּילן גלײַך מיט זיך וואַ־באַנק,
און, ווי אַ געווינער דעם פֿאַרשפּילער, ז י ך באַטראַכטן.

פּונקט ווי קאָרטן, מײַנע איבערלעבונגען איך טאַש,
און לייג אויס פֿון זיי די קונציקסטע פּאַסיאַנסן.
פֿון דער סאַמע צופֿעליקסטער צופֿעליקייט כ׳נאַש
זיסקייטן, וואָס זײַנען גאָר דער ביטערקייטס ניואַנסן.

כ׳האָב געכאַפּט זיך, אַז איך טראַכט אַ נאַרישן געדאַנק,
אויסגעלאַכט אים (און אויך זיך מיט אים צוזאַמען!)
יאָ, די טעמפּקייטשטראָף און שאַרפֿזינען־געשאַנק
וואַקסן פֿון איין וואָרצל, ווי צוויי צווילינגדיקע שטאַמען...

ווילנע, דעצעמבער 1968

***

וואָס מער איך האָב דיך אויסגעלאַכט,
אַלץ מער האָסטו געלאַכט,
פֿון ווייטיקדיקסטע ערנסטן
אַ שפּאַסעלע געמאַכט,

באַליידיקט עכטסטע אמתן
לטובת פֿאַלשער שפּיל,
און אויף אַ טעקסט אַ טראַגישן
געשפּילט אַ וואָדעוויל...

די צײַט פֿון הוילע פֿרילינגען
פֿאַרשוווּנדן האָט, ווי אַ שוואַלב,
דאָס ליד פֿון יונגע פֿילונגען
האָט שוין פֿון לאַנג פֿאַרשאַלט.

למאַי האָב איך דיך אויסגעלאַכט,
למאַי האָסטו געלאַכט,
אויב יעדן פֿון אונדז דאַכט זיך איצט,
ער האָט עס אויסגעטראַכט?..

ווילנע, דעצעמבער 1966

צוריקקער

דער זעלבער בוים: די זעלבע קרוין,
די זעלבע געלע באַרן.
אַט דאָ האָט מיך צום ערשטן מאָל
דײַן בליק גענומען אַרן...

כ׳געדענק, ווי הײַנט, אַ העלן הויף —
אַ ציכטיקן און שטילן,
עס ווערן פּלאַטערלעך ניט מיד
אויף בייטן זיך צו שפּילן.

אַ פּענצטער וויגט זיך אויף זײַן אַקס —
ציט פּויל אַ סקריפּע־ניגון
און מאַכט, די זון זאָל אין זײַן שויב
זיך מעשׂה קונדס וויגן...

צעגיסט זיך זומערדיקע היץ,
צעפּלייצט אַ שפּע פּונקען.
עס ווערט דער אויסגעקערטער הויף
מיט זוניקייט פּאַרטרונקען;

און דו אין מיטן שטייסט און קוקסט
דער זון אין אירע אויגן.
עס האָט דער אַלטער באַרנבוים
זײַן קאָפּ אַראָפּגעבויגן —

ער קען ניט זען אזא געוועט,
ווי מענטש מיט זון זיך וועטן;
ער בייגט זיך איַין ביז סאַמע ערד
און נעמט זיַין שאָטן גלעטן...

— — — — — — — — — —

נאָך אַלץ— דער שאָטן לעבן בוים,
נאָך אַלץ — די באַרן אויבן,
און כ׳שטיי, און כ׳וויים ניט, איז עס טרוים,
דערמאָנונג אָדער גלויבן?..

קאָוונע, 1938

בענקשאַפט

אָ, ווי ס׳בריט דאָס וואָרט פּ אַ ר אָ ן,
ווען איך טראַכט צי ביסט פּאַראַנען!
זינט אַרויף ביסט אויף דער באַן,
זײַנען מיר פֿאַרשאָלטן באַנען.

אין דער בין-השמשות-שעה —
טריבסטער שעה פֿון אַלע שעהען
שלעפּ אַרוים איך דײַן נ י ט אָ
פֿון די טויזנטער נ י ט אָ ע ן,

און כ׳שאַץ אײַן אים, אַקוראַט
ווי דער גאָלדשמיד די קאַראַטן.
קיין מאָל גאָרנישט ניט געהאַט,
און עס מאַטערן ג ע ה א ט ן...

ווילנע, דעצעמבער 1968

MEMORIA

אויב איך דיך געדענק,
הייסט עס דען, איך בענק?
הייסט עס דען, אַז איך אַנטלויף צום עָבר?

ווער זאָגט, אַז די צײַט
אויסוועפּונג באַטײַט?
קען דען צונעמען פֿון מיר די שענסטע שעה ווער?

בלאַנקעט אין מײַן זעל
אַ געשטאַלט, וואָס העל;
כאָטש זי איז אין מיר, גיי איך נאָך איר פֿוסטריט.

וואָס איך ווער מער אַלט,
טײַערער זי כ'האַלט.
גוט, ווען די דערמאָנונג איז אַ מוסטער!

ווילנע, דעצעמבער 1958

ברכה...

ווי דו ווילסט, זאָל עס זײַן, ווי דו ווילסט!

אָפֿט דו זוכסט אַ געווינס, און פֿאַרשפּילסט.
אָפֿט פֿאַרהילכסט מיט דײַן פֿרייד יענעמס צער,
צאָלסטו טײַערסטן מקח דערפֿאַר.

ווי דו ווילסט, זאָל עס זײַן, ווי דו ווילסט!

דײַנע שמאַרציקע בראַנדוווּנדן קילסט
און דערנאָך — ווײ, דערנאָך! ווײ, דערנאָך! —
דו דערשפּירסט זיי מער ברײַיקע נאָך...

ווי דו ווילסט, זאָל עס זײַן, ווי דו ווילסט,

כאָטש דו ווייסט, אַז דו אײנזײַטיק פֿילסט,
אַז עס איז דײַן המצאה געצוימט,
אַז, ווײַל האָסט זיך פֿאַרטרוימט, האָסט פֿאַרטרוימט...

ווי דו ווילסט, זאָל עס זײַן, ווי דו ווילסט —
נאָר אַזוי, נאָר אַזוי, ווי דו ווילסט!!

ווילנע, אפּריל 1968

מענטש

און אַז די נאַכט וועט קומען, זאָג:
„צו קורץ געווען דער טאָג!"

און אַז די זון וועט קומען טראַכט:
„עס וועט ניט זײַן שוין מער קיין נאַכט!"

און זעסטו ווו אַ טרער פֿון פּײַן,
טו אַלץ, ס'זאָל מער אַזאַ ניט זײַן!

ווילנע, אַפּריל 1946

***

און ווי גרויס עס זאָל ניט זײַן,
און ווי שטאַרק עס זאָל ניט זײַן
דײַן באַגער צו זײַן דער גרעסטער,
דײַן באַגער צו זײַן דער שטאַרקסטער,
ביסטו זיך אַליין מקנא,
וואָס געווען ביסטו אַ קלײנער,
וואָס געווען ביסטו אַ שוואַכער
און געפֿרעגט האָסט „מה נשתּנה?"...

ווילנע, אַפּריל 1969

דיכטער

שרײַבן לײַכט איז זייער שווער.
שרײַבן שווער — געווים ניט גרינגער.
צו באַשרײַבן עכט איין טרער
דאַרף מען אויסשעפּן אַ טינטער.

שעפּט מען און מע שעפּט און שעפּט.
— — — — — — — — — — —
אָפּגעלעבט, ניט אויסגעשעפּט...

ווילנע, סעפּטעמבער 1962

שאַפונג

כ׳טעסע דאָס וואָרט, ווי אַ שטיין,
און פּורעם עס, גלײַך ס׳וואָלט זײַן ליים.
דאַרף מען פאַרריכטן עס, ווייס איך ניט ווי:
האַקן צי קנעטן?

לייג איך אין פּורעם עס, איז עס צו האַרט,
פּרוּוו איך עס האַמערן, איז עס צו צאַרט.
אויסריידן אַלץ, וואָס מע שטייט אויס פון וואָרט,
פעלן אויס ווערטער...

ווילנע, נאָוועמבער 1963

אַ, ליכטיק שעפּעלע...

אַ, ליכטיק שעפּעלע, איך קוק אויף דיר און טראַכט:
ווי קומט עס צו אַ וואָלף אַזאַ־אַ העלער חלום,
אַז גאַנצע טעג ער טרוימט פֿון דיר,
אַז גאַנצע נעכט אים ציט צו דיר,
אַז גייסט אים ניט אַרויס פֿון זינען?

מײַן ליכטיק שעפּעלע,
כ'וועל ניט דערלאָזן,
ס'זאָל דער וואָלף פֿאַרבלוטיקן זײַן חלום!..

ווילנע, אַפּריל 1960

***

אַלע שוואַלבן, וואָס געזען כ'האָב זינט מײַן קינדהייט,
זײַנען, דוכט, די זעלבע שוואַלב.

יעדער אמת, וואָס האָט ווען ניט איז באַשײַנט מיך,
האָט מיר אַנדערש אויסגעזען.

איז די שוואַלב דען ניט קיין אמת?
אמת, אמת — פֿרײַע שוואַלב!

ווילנע, נאָוועמבער 1963

פעניקס

שרעקלעך איז נאָך אויסראַטונג צו זוכן גליק —
ווינדעלעך צו טריקענען אויף תליה־שטריק
און צו טראַכטן, אַז דער גרעסטער נס
שטעקט אין קאַלטן צויבערוואָרט: „פֿאַרגעס!"...

פֿונעם אַש, פֿון שטויב, פֿון בראָך און בלוט
כאַפּ אַרויס אַ גאַנץ־געבליבענע מינוט,
היים איר וואַקסן — ווערן שעה, מעת־לעת און יאָר,
מענטשלעבן, געדויער פֿון אַ דור,
אייביקייט, אומענדלעכקייט, אין־סוף —
מיט אַ נייַעם אָנהייב פּלעט דעם סוף!

ווילנע, דעצעמבער 1958

***

ניין, סע שטאַרבן ניט די יאָרן.
יאָרן ווערן נאָר געבאָרן.
שטענדיק אין געבורט — די צייַט...

און דער מענטש לעבט אָפּצוקלייַבן
יענע טעג, וואָס וועלן בלייַבן
העל אויך פֿאַר דער ווייַטסטער וויַיט.

ווילנע, יוני 1948

ווערטער

ווערטער זײַנען שטיקער האַרץ,
פּיצעלעך נשמה.
ווערטער זײַנען שפּליטערס ערץ,
פּענעצלעך לבנה...

קיין מאָל ניט דאָס וואָרט געזען,
ניט אין האַנט געהאַלטן,
און איך פֿיל זײַן הייסן ברען
און זײַן ברי דעם קאַלטן...

ווילנע, יולי 1962

* * *

און ווען עס שוין געלינגען זאָל
אַראָפּצוצי‍ִען פֿון דער קראָ
איר מאַנטעלע דאָס שוואַרצע,
צי וואָלט זי ווערן דען דורך דעם
אַ ווײַסע טויב?

און ווי איז, טאָמער בלײַבט זי פֿאָרט אַ קראָ —
אַ קראָ, וואָס איז דערצו נאָך נאַקעט?..

ווילנע, מאַרץ 1964

***

גריים זיך ניט מיט דײַנע מעלות!
ס'קען גאָר זײַן, זיי זײַנען פּגמען
מיט אָראָפּגעפּײַלטע ציין;
און עס קען אַ טאָג נאָך קומען,
זאָלסט פֿאַרשטיין, האָסט אַ חסרון
(וואָס נאָך קאַליע איז געוואָרן)
און פֿאַראַכטן זיך אַליין...

ווילנע, אָקטאָבער 1968

***

פּרוּווסט אַלץ וואַשן דײַן געוויסן
אין די טרערן פֿון חרטה.
ס'וועלן אָבער פֿלעקן בלײַבן.
ס'איז אַ שלעכטע זייף גריזאַטע...

אויב האָסט ניט באַמערקט די עוולה
דעמאָלט, ווען ביסט זי באַגאַנגען,
האָט געווים דאָך ניט קיין זינען
מיט איר אָנדענק זיך צו ראַנגלען.

ווילנע, אָקטאָבער 1968

גאולה

און ווער, זאָג, וועט טרייסטן דעם טרייסטער?
(אויך ער האָט דאָך נייטיק אַ טרייסט!)
אויב בלײַבן וועט א י ן נית-דערלייזטער,
וועט זײַן עס פונקט דער, וואָס דערלייזט...

ווילנע, מײַ 1967

טראַדיציע

אַזאַ וועג אַ לאַנגער בינדט צוזאַמען ווײַטן,
ברענגט אַהער געשאַנקען פֿון פֿאַרוועלקטע צײַטן.
זיידעס — אים געפֿלאַסטערט, טאַטעס — אײַנגעטראָטן;
שוין פֿון לאַנג פֿאַרעלטערט, און נאָך אַלץ געראָטן...

ווילנע, מאַרץ 1959

***

ס׳איז דער פֿונק
דעם פֿלאַמס אַ ווונק.
און דער פֿלאַם אַליין, וואָס איז ער?

ער — דער האָפֿענונגען-סנה,
ער — אויך דער אויטאָ-דאַ-פֿע,
שײַן פֿון היתר, בראַנד פֿון איסור.

ווילנע, אָקטאָבער 1970

***

אומעט קומט נאָך זינד,
און שׂימחה פֿירט צו זינד.
שלאָגסטו זיך מיט ביידע פֿויסטן אינעם שטערן:
„לעפּיש! לעפּיש! אַלץ איז לעפּיש!
און דער קלוגער איז אַן אומגליקלעכער נאַר!".

הער שוין אויף אומזיסט זיך פּלאָגן.
זעץ זיך בײַ דעם פֿענצטער שטיל אַוועק
און ניט וויל די שטערן ציילן.
הייל דײַן האַרץ מיט אַ געדולדיק קוקן
דווקא אויף אַזאַ איינעם, וואָס קוים-קוים שײַנט.

ווילנע, סעפּטעמבער 1971

ניט פויגלדיק...

זינגען פֿייגל טרויעריקע לידער —
צאַרטפּיליק באַדויערן די ברידער,
וואָס אין פֿאַנג־פּאַסטקעס און אין די שטײַגן.
קוילערן זיך זיפֿצן איבער צווײַגן,
ס׳קליינע פֿויגלהאַרץ איז ווייטיקדיק צערודערט...

דיך דאָך, מענטשנקינד, ניט אַרט דײַן ברודער!

ווילנע, מאַרץ 1970

***

אויב דו באמת טראַכסט,
אַז אַלץ איז נאָר אַ צופֿאַל און אַ שפּאַס,
און יעדע צײַט באַטײַט
נאָר צײַט־פֿאַרשווענדונג בלויזע,
פֿאַרלאָז זשע גלײַך דײַן היים,
צי אוים זיך שטאַרבן אויף דער גאַס,
און זאָל דער ערגסטער רינווע־שיכּור
מאַכן בײַ דײַן טויטן גוף אַ כּוסע...

ווילנע, יאַנואַר 1968

פראַגעס אין אַ קאַלט לאַנד

ערגעץ ווײַט אין מידבר דאָרשטן קעמלען —
גליבעס לעכצעניש אין אויסגעמאָגערט פּלייש;
און אָט דאָ: נאָר שאָטן, מאָך און פּײַכטע שוועמלעך,
און אַ ווינטשן זיך, עס זאָל אַ מאָל זײַן היים...

וווּ איז די דערקלערונג פֿאַר אַזאַ ניט־גלײַכקייט?
וואָסער אָרט פֿון ביידע איז ניט אויף אַן אָרט?
און פֿאַר וואָס איז איינעמס אָרעמקייט דעם צווייטנס רײַכקייט?
און פֿאַר וואָס פֿאַרבלײַבט דער ענטפֿער אַלץ אויף יענער זײַט פֿון וואָרט?

ווילנע, דעצעמבער 1958

האַרבסט

אין אַ געסל בײַ אַ צוים
גרוי און נאַקעט שטייט אַ בוים.
זיצן פֿייגל אויף די צווײַגן,
שטיקן זיך מיט זייער שווײַגן,
קוקן אויפֿן ווינט...

הוילע ריטער איז דער בוים,
ס'קנאַקט געוויטער אין זײַן טרוים,
און דער הימל גרויער, רויער
נורעט זיך אין טיכער טרויער,
ווישט זיך, ווישט זיך, רינט...

ווילנע, אויגוסט 1962

איך...

כ׳האָב אויסגעשריִען קעגן וואַלד,
דערהערט דעם עכאָ פֿון מײַן קול,
באַטראַכטנדיק מײַן שאָטן.

דערקוויקט האָט עס מײַן האַרץ אַזוי,
אַז איך אַ ליד האָב אָנגעשריבן.

אַ שאָטן, עכאָ און אַ ליד.
און ווּ בין איך?

ווילנע, אויגוסט 1962

ניגון

ווילסט מיך מיט געזאַנג פֿאַרוויגן,
וואָס זשע זינגסטו אַזוי זעלטן?
כ׳ווײס: ס׳איז דאָס געזאַנג אַ ליגן,
וואָס מאַכט קראַנק און היילט אויס װעלטן.

אָ, די שווינגענדיקע קלאַנגען,
וואָס אָט גלעטן זיי, אָט פּלעטן,
ס׳ווערט די וואָר אין זיי צעגאַנגען
און דער טרוים געווינט געווועטן...

ווילנע, סעפּטעמבער 1965

שפראַך

דאָס קירצסטע שורהלע איז אָפּט צו לאַנג —
שוין צו געריום דערין איז דעם געדאַנק.
באַגערט ער: ענגער, ענגער זאָל אים זײַן,
ס'זאָל אין דער פֿולקייט, גאָט באַהיט, קיין פּוסטקייט ניט אַרײַן...

אָ, ברייטער-ענגער וואָרטמונדיר, פֿאַר וואָס
איז אַזוי שווער, זאָלסט זײַן אין סאַמע מאָס?

ווילנע, סעפּטעמבער 1964

***

ווען געוווּסט וואָלסט וואָסער טראָט
האָסט געשטעלט אומזיסט-אומנישט,
ווען און ווו דו האָסט דײַן גאָט
מיטן אַשמדאַי פֿאַרמישט,

וואָלסטו ניט געטענהט מער,
האָסט נאָר לײַכטזיניק פֿאַרזען.
און ס'וואָלט דײַן חרטה-טרער
ניט קיין גלאָזפּערל געווען.

ווילנע, יולי 1964

נאָסטאַלגיע

באַשערט שוין איז דעם האַרץ
זײַן אַלע מאָל צעקרעלט
(דאָס ווײַטע אָרט, די ווײַטע צײַט
פֿאַרמאָגן לאַנגע נעגל).

צעבלוטיקט איז די רו,
פֿאַראומרויִקט דאָס בלוט,
און עבר שנײַדט און שנײַדט
מיט טעמפּע זיסע זעגן...

ווילנע, יאַנואַר 1971

מעגלעך...

מעגלעך, אַז כ׳וואָלט גאָר דיך נישט פֿאַרגעסן,
ווען די צײַט זאָל נישט געווען זײַן אַזאַ שלעכטע,
אַז ס׳האָט נישט געוואָלט זיך האַלטן דיך אין איר.

מעגלעך, אַז כ׳וואָלט איצט גאָר נישט דערמאָנט דיך,
ווען עס וואָלט נישט אײַנגעפֿאַלן מיר צו טראַכטן,
אַז די צײַט געווען איז אַזאַ שלעכטע,
ווײַל זי, ווי איר, איז געווען אָן דיר...

ווילנע, אַפּריל 1969

***

זאָל טאָקע מקוים ווערן
וואָס איך טראַכט, ווען ס׳פֿאַלט דער שטערן!

אָבער וויסן כ׳בין אַ בעלן:
מוז עס זײַן נאָר בעת זײַן פֿאַלן?

קאָן עס ניט געשען אויך דעמאָלט,
ווען ער פֿעסט אין הימל פֿלעמלט

און מען איז פֿאַרעקשנט גלייביק,
אַז איעדע שײַן איז אייביק?..

ווילנע, אַפּריל 1969

***

אויפֿן פֿעלד צוויי לעבנס נאָר — אַ פֿלאַטערל און איך,
און יעדער מעסט אַלץ לויט זײַן לעבנסדויער.
ווער זאָגט: „באַזאַכט״? ווער טענהט: „גיך״?
עס גייט אין דורכגיין דורך אַ טויער...

ווילנע, אָקטאָבער 1970

ווערטן

כ'וואָלט ווען פֿאַרגעסן די רגע,
וואָס ס'איז ניט כּדאַי צו געדענקען,
און אויסווערגן אַלע זכרונות,
וואָס דרייען אין קאָפּ זיך אום סתּם.

איך וויל מער ניט זײַן ווי דער יעגער,
וואָס טייטן דעם וואָלף ט'זיך געקווענקלט,
ווײַל כּלומרשט אַ צו־קנאַפּער לוין איז
דאָס מעקען פֿון דאַנקבאַרער לאָם...

ווילנע, אָקטאָבער 1967

נאַטור...

די זון זי הערט ניט אויף צו גיין,
דער באַרג ער ווייסט נאָר רק צו שטיין,
דער טײַך ער יאָגט און רירט זיך ניט פֿון אָרט...
און ווער קאָן זאָגן זיי אַ וואָרט,
און ווער קאָן שאַצן: „גוט" צי „שלעכט"?
אַז יעדערער פֿון זיי איז עכט...

ווילנע, מײַ 1961

מענטש

עפּעם מײַד איך אױס צו טראַכטן,
אַז כ׳האָב עמעצן באַלײדיקט,
און כ׳װאָלט דאַרפֿן זיך פֿאַראַכטן
װי דעם קװאַל פֿון יענעמס װײטיק.

כ׳זאָג זיך: ס׳איז געװען אַ טעות,
כ׳קלאָג זיך: ס׳איז מיר ניט געראָטן,
און די קריװדעס און די רעות
חברן זיך מיט מײַן שאָטן...

װילנע, מאַרץ 1969

* * *

נעם ניט מײַנע װערטער אױף מיט אַ פֿאַראיבל!
זײ ניט אױסן זײַנען דיך באַלײדיקן.
פֿרײַנד באַדאַרפֿן ניט די װערטער זיפֿן,
זײ אין לשון-רעװעראַנסן זיך ניט נײטיקן.

װערטער זײַנען ניט קײן צערטל-פֿינגער פֿון אַ מאַמען,
װערטער זײַנען לעבן, אָנגעטאָן אין קלאַנג.
הײלן זײ, װען ס׳דאַכט זיך, אַז זײ סמען.
שטראָפֿרײד פֿון אַ חבר זײַנען אַ געשאַנק.

װילנע, יאַנואַר 1968

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון דער חסידת־אומות־העולם,
דער אין פולסטן זינען פון וואָרט מענטשלעכער,
העלענע טשאַפּסקי־האָלצמאַן

פּאָעמעס

פונעם ציקל „אַזוי איז געגאַנגען דער מענטש"

אין כּף־הקלע

(בראַכשטיקער פון אַ פּאָעמע וועגן בראַד)

וועל איך אויספּוצן מײַן בענקשאַפט
אין באַהאַרצטע האַרטע קלאַנגען
און איך אויסשרײַען ווער „מענטש!"
וועט עס פאַלן, ווי אַ דונער,
אויפן שיפלות און דער טומאה,
און, אַנשטאָט דעם ווײי און אומעט,
ווערן וועט אין מאַרך אַן ענגשאַפט
פון דערהויבענע געדאַנקען,
און אַנשטאָט צו זײַן פאַרקללהט
פון געמיינהייט און נבלה,
וועט דאָס לעבן זײַן געבענטשט.

אין כּף־הקלע גילט ניט מער בטחון.
דאָרט איז פֿאַראַן אַ וואַרטן נאָר —
אַ וואַרטן, עס געשען זאָל בייז
(אַזוינס, וואָס ווערט כּסדר אויך מקוים,
און אַזוי אומשולדיק ג ע ש ל ײַ ד ע ר הייסט).

אָ, דער געשלײַדער־גזר —
דאָס גרויליקע געבונדן זײַן צום אומענדלעכן אומאָרט
און אייביק אַנען, ביסט נאָך ערבֿ־ערבֿ־וואָרף.
אין כּף־הקלע איז דײַן זעל אַ קאַלטע, גליטשיקע מעדוזע,
אין כּף־הקלע איז דײַן גוף אַ האַרטער גיפּס אַן ענגער.
דו ביסט דאָרט פֿונעם שטענדיקן געשלײַדערט זײַן פֿאַרקײַלעכט —
האָסט ניט קיין הענט, קיין פֿיס, קיין קאָפּ, קיין לעבן,
האָסט נאָר אַ מאַרך — אַ מאַרך, וואָס איז צעבײַלט
און ווי בײַם טעמפּסטן אָקס פֿאַרשטאַרט...
אין כּף־הקלע מוז מען אָנגעגאָסן זײַן מיט רישעות,
אין כּף־הקלע מוז מען דורכגעזאַפּט זײַן מיט אַכזריות.
דאָרט איז די גרעסטע עוולה זוכן יושר
און וויגן אויף די בלאַסע צוקנדיקע ליפּן
דאָס וואָרט דאָס אויסגעהוילטע „גליק".
אין כּף־הקלע איז פֿאַרלענדט דער יחיד,
אין כּף־הקלע איז פֿאַרבלענדט דער ציבור,

אין כּף־הקלע איז אַ פּלאָג דער דמיון,
אין כּף־הקלע איז אַ קלאָג די וואָר.

*

אין נאַסן פֿינצטערן באַראַק
אויף יעדער נאַרע — הונדערט אַכציק מאַן.
דאָס לעבן שטעלט דאָ אויס,
ווי גרויליק עס קען זײַן פֿאַרדאָרבן.

אַ דונערדיקער כאָרכל־אוניסאָן.
עס כראָפּען, דאַכט זיך, אויך אַפֿילו די,
וואָס קענען ניט אַנטשלאָפֿן ווערן.

אַ מענטש געוועזענער — אַן איך אַמאָליקער —
ליגט בײַ דער סאַמע וואַנט.
ווי גוט איז אים, וואָס ער דער עקסטער איז!
ניטאָ קיין שכן בײַ זײַן רעכטער זײַט.
דערפֿאַר אָבער איז בײַ זײַן זײַט דער לינקער
דער שכן זײַנער סטאַך פּעדיוק —
דער תּמיד שווײַגנדיקער, קאַלטבלוטיקער סטאַך פּעדיוק,
דער וואָס פֿלעגט אײַנשליסן דעם שטראָם
אין בירקענאַוער קרעמאַטאָריע־אויוון...

ער שלאָפֿט, פּעדיוק, און זידלט עמעצן אין שלאָף,
וואַרפֿט מיט די הענט, און ווען די פֿינגער זײַנע
שלאָגן אָפּ זיך אָן מײַן לײַב,
ער מיט זיך מיך אַרומצונעמען
(פֿאַר וואָס, גאָט, קומט עס מיר אַזאַ אַ שטראָף,
מעג זײַן, ער טוט עס צופֿעליק און נאָר אין חלום?!).

*

אין כּף־הקלע האָבן די, וואָס פּײַניקן דיך,
ניט קיין טײַוול־טלאָען, ניט קיין הערנער, ניט קיין עקן.

זיי האָבן — צו דײַן גרויסער חרפּה — דײַן געשטאַלט.
דו קענסט ניט איבערנעמען זיך, ביסט נאָר אַ קרבן.
געהערסט צו די, וואָס נידערטרעכטיקייט איז זייער פאַך און נחת,
אַליין דײַן פּנים שוין דײַן פּנים דיר פאַרשווארצט...

אַ מאָל פאַרבלאָנדזשעט אויך די זון אין כּף־הקלע,
ווערט אויפן הארצן דריקנדיקער נאָך דער שאָטן:
ווער דאַרף דאָ שײַן? דאָ איז אַ מיצווה זײַן פריטשמעליעט
און פילן זיך באַליידיקט און צעטראָטן.

אין כּף־הקלע טויט איז יעדער חלום,
אַפילו ווען ער גריזשעט דיך אַ גאַנצע נאַכט.
אין כּף־הקלע איז די וואָר מיט בייזס ארומגעשוואָלן —
אַזאַ, ווי ס'וואָלטן וואָלקולאַקן זי פאַרטראַכט.

אין כּף־הקלע חבֿרן זיך טויט מיט לעבן
(אַ טויט, וואָס לעבעדיק איז, און אַ לעבן, וואָס איז טויט).
אין כּף־הקלע וועט מען אַלצדינג דיר פאַרגעבן,
אַבי עס זאָל די פוילונג זײַן דײַן גײַסטיק ברויט.

אין כּף־הקלע איז דאָס זײַן דעם א ו מ ז י ײַ נ ס עבֿד —
אַ סאַרוועך, וואָס לויפט אום פון פּײַן צו פּײַן.
דער כּף־הקלע צען מאָל שטאַרקער פון סמבטיון רעוועט,
ווען פינצטערניש פאַראַנענע שעלט די געזאָלט־זײַן־שײַן.

*

קוק, לבֿנה, מיר אין פּנים, קוק.
פאַר מײַן יִאוש פון באַעוולט זײַן זיך בוק.
ערגעץ, ערגעץ וועגן מיר מען טראַכט
און מען שלאָפט ניט מיט אַ שלאָפטרונק בײַ דער נאַכט.

אָ, לבנה, ווי אַ כּלה צו דער חופּה, שוועבסט
און אַ מילכיקן טומאַן אַהינטער זיך דו שלעפּסט.

גיב ניט אָפּ אַזוי זיך מיט דער שיינקייט פֿון דײַן ווײַסן שליף,
קוק זיך בעסער צו, ווי עס איז ממש שרצדיק אַלץ טרייף.

קוק, לבֿנה, מיר אין פּנים, קוק.
זיך זעסט געל, און מיך — שוואַרץ, ווי אַ זשוק,
און דעם אמת זאָגנדיק (הגם ווער ווייסט צי עס איז אמת גאָר פֿאַראַן)
ביסטו מיר אַן איבעריקע מעשענע ירושה־פּאַן...

קוק, לבֿנה, מיר אין פּנים, קוק.
ווי מײַן דופּק, אויפֿגערודערט צוק.
אוים ירושה — אוים דער עבֿר. אויך דער עתיד אוים.
קוק, לבֿנה, מיר אין פּנים, זײַ מײַן געלע טויז!

*

נאָך אַ ניט־אײַנגעגעבן ציִען זיך צו גליק,
דו גייסט שוין אײַן אויף אַ זיך קלאַמערן צום אומגליק,
נאָר אויך צו דעם איז ניט דערלויבט באַהעפּט צו זײַן.
דאָ איז ניטאָ און ס׳טאָר ניט זײַן קיין צוגעבונדנקייט צו עפּעס!
דאָ הערשט דער קאַלטער גירוש־פּסק: „אַוועק!"

דער כּף־הקלע איז אַן אַפּלייקענונג פֿונעם עבֿר,
דער כּף־הקלע איז אַן אומגלויבן אין עתיד.
דאָרט איז אַ טרייסט דאָס פֿילן זיך פֿאַרלוירן
און האַלטן פֿאַר אַ קללה אויך דער מאַמעס אײַנוויגליד.

*

אַ ליקוי־חמה — הײַנט. אַ פֿולע ליקוי־חמה.
דער טאָג באַקומט די פֿינצטערקייט, וואָס ער איז ווערט.
אין אומעכטן בײַנאַכט — נאָך דײַטלעכער
דאָס פֿראָסט־געטרעשטשע פֿון די שויבן,
נאָר ס׳ווערט דורך דעם די רו ווי גאָר געשטאַרקט...
אַ ליקוי־חמה — הײַנט. אַ פֿולע ליקוי־חמה.
ס׳איז פֿינצטער, קאַלט און אומגעווײנטלעך שטיל.

דער כּף־הקלע — איינגעהאַלטן־רויִק — אַ נירוואַנאַ,
דאָך פּלוצעם, ווי אַן אויפֿרײַס, פּלאַצט אַרויס אַ שטים:
„באַררררעך! באַר־ר־ר־ר־רעך!"
עס גרילצט, עס גראַגערט, גרײַזלט זיך די „ריש"
אין נאָמען דעם געבענטשטן ב ר ו ך,
ווי ברילן ס׳וואָלט אַ הונגעריקער בלוטהונט אויף אַ קייט.
דאָס לאָדט שוין ווידער אַ מאָל אויס אַזוי זײַן יידן־שׂינאה
דער דורכגעהיהטער און טעמפּער ווײַסרוס יאַנקאַ סקאַרב.
„באַררר־ר־ר־רעך!" —
ער וואַרפֿט זיך, טרייסלט זיך פֿון האַס,
ווי זײַן ער וואָלט אַ חולה־נופֿל,
און פֿון זײַן קעמל־קול עס קוילערן זיך
איבערקרימענדיקע „ריש"ן,
וואָס דאַרפֿן זײַן אַן אָפּשפּאָטונג פֿון יידיש לשון,
און פֿאַלן, ווי פּאָגראָמשטיינער,
אויף יעדן יידישן און לײַטיש־מענטשלעכן געהער.
אַ ליקוי־חמה — הײַנט. די וועלט איז ווערט אַ ליקוי־חמה,
און איך בין, קענטיק, ווערט ס׳זאָל פּײַניקן מיך יאַנקאַ סקאַרב...

*

דער כּף־הקלע איז ניט אויסן אומברענגען די זינד,
אים איז נאָר ליב דאָס צושטעלן אַ חשבון.
אין כּף־הקלע מוז מען פֿילן: מען געהערט צו הינט,
און שטיין מען מוז כּסדר פֿאַר אַ הינטיש בית־דין.

אין כּף־הקלע איז דאָס שפּל זײַן אַ חוק,
און טיפֿקייט פֿון געפֿאַלנקייט די העכסטע הייך איז.
דאָרט זײַנען אויסגעגליכן אָסיעננאַכט מיט פֿרילינגטאָג,
און קיינער מערקט ניט מער, ווי אַלצדינג טרייף איז.

אין כּף־הקלע איז אַ חטא, זײַן עמעצנס אַ פֿרײַנד
און גינציק ווינטשן אים אַ גליקלעכע מערכה.

אין כף־הקלע איז נאָר יענער טאָג געשעצטער הײַנט,
ווען קללה־ווערעם קריכן אום אויף יעדער ברכה...

אין כף־הקלע וואָגלען די געדאַנקען — הונגעריקע שוואַרצע הינט,
און קיינער ווייסט ניט: זײַנען זיי משוגענע צי קלאָרע.
אין כף־הקלע דער היענע, ווי אַ גאָט מען דינט,
און ווײַסע טײַבעלעך זײַנען עבֿודה־זרה...

אין כף־הקלע איבעריק איז צו פֿאַרשטיין,
ס'איז בייזסטע שׂינאה דאָ צו אַלץ דער שליסל.
דאָ קוקט מען אָן אַ חבֿר, ווי אַ שטיין קוקט אָן אַ שטיין.
ס'איז כף־הקלע די נקמה פֿאַרן האָדעווען געוויסן...

*

ווו האָסטו עס גענומען, גאָט, אַזוי פֿיל אומרעכט?
אַזוי פֿיל האַס, אַזוי פֿיל שלעכטס, אַזוי פֿיל טומאה?
צי איז דען רעכט צו וויקן מענטשן אין אַזוי פֿיל שמוץ,
אַז זיי זאָלן באַדאַרפֿן נעמען ספֿקן
צי ס'איז פֿאַראַן גאָר ריינקייט?

אַ גאָט, וואָס האָט באַשאַפֿן אַזאַ וועלט,
האָט אומגעבראַכט זי פֿאַר נאָך ער האָט זי באַשאַפֿן.
אַ גאָט, וואָס האָט פֿאַרקריפּלט זײַן באַשאַף,
פֿאַרקריפּלט האָט אויך זיך מיט אים אין איינעם.

דער ערגסטער גענץ איז אַזאַ גאָט,
וואָס האָט בײַ זיך געפּועלט אומשלײַדערן לעבנס.

יפו, אַפּריל־מײַ 1972

ראָבעספּיער

אין די דאָזיקע פראַגמענטן פון דער פּאָעמע ווערט געגעבן ראָבעספּיער עטלעכע וואָכן פאַר זײַן פאַלן און גיליאָטינירט ווערן.

דעם 8טן יוני 1794 האָט ראָבעספּיער דורכגעפירט דעם יום־טוב לכבוד זײַן אַבסטראַקטער, אַדמיניסטראַטיוו אײַנגעפירטער מלוכהשער רעליגיע.

גאַנץ פּאַריז שפּרײַזט אין פײַערלעכע קאָלאָנעס. ראָבעספּיער — דער פירער — אין מיטן, אָבער אָפּגערוקט פון אַלעמען. צווישן אים און דעם פאָלק, וואָס אַרום, איז אַ ריזנבלויז. ער פילט שוין פאָרויס זײַן פאַלן. זײַן אונטער־באַוווסטזיניקער חשבון־הנפש ציט אונטער דעם סך־הכּל פון זײַן לעבן.

גרינס און זאַנגען — אין מײַן האַנט,
און אין קאָפּ — די גיליאָטינע. —
כ׳בין דער ערשטער מאַן אין לאַנד
און דער ציל פֿאַר יעדנס קינאה.

ניט־פֿאַרגינערס, האַרטע פֿײַנד,
און די פֿרײַנד — פֿאַרזיסטע שונאים.
זע איך, אַז אַ שמייכל שײַנט,
ווייס איך, אַז ס׳איז פֿאַלש דאָס פּנים.

אומעטום מײַן נאָמען קלינגט,
„ראָבעספּיער" — אויף אַלע ליפּן,
און דער חשד, וואָס בלוטן טרינקט,
האָט זיך אין מײַן מאַרך פֿאַרקליבן...

אַזאַ אויפֿגערוימטע פֿרייד
שפּרודלט אויף פּאַריזער גאַסן,
און דאָס פֿאָלק — עס גייט און גייט,
גרייט צו ליבן, גרייט צו האַסן...

פֿליִען קווייטן, שיט זיך צווייט,
פֿאָכען בלוי־ווײַס־רויטע סטענגעס.
איך זשע — אינעם סאַמע מיט,
ווי דאָס האַרץ פֿון אַט די מענגעס!...

פֿערטל מיליאָן — פֿאָרויס,
פֿערטל מיליאָן — פֿון הינטן.
אין דער מיט — אַ ריזנבלויז
און אויף אים — אַ פּיצל פּינטל:

איך אין אַ העל־בלויען ראָק,
זאַפֿרען־געלע פּאַנטאַלאָנעם —
שטאָלץ מײַן קליינעם קערפּער טראָג,
אָפּגערוקט פֿון די קאָלאָנעס.

איך — דער פֿירער פֿונעם פֿאָלק,
בין פֿון פֿאָלק גאָר אָפּגעריסן.
מײַן פֿאַררויסנקייט באַצאָלט
מיט פֿאַרראַט פֿונעם געוויסן.

*

אַלע גאַפֿן אויף מיר,
אַלע קוקן מיך אָן,
און זיי זעען, ווי קליין
ס'איז דער גרעסטער פֿון זיי.

ווי באַזונדער ער גייט,
ווי פֿאַרלאָזן ער איז,
כאָטש ער פֿלאַמט, ווען ער רעדט
אינעם נאָמען פֿון פֿאָלק.

סע שמעקט מיט סמאַלינעם אין פֿראַנקרײַך!
איעדע ווײַלע כאַפּט מען אָן בײַם האַלדז די רעוואָלוציע.
דעריבער יעדער פֿאַל פֿון גיליאָטינע־מעסער,
הגם ער טוט רוסאָס געביין אַ טרייסל,
ער העלפֿט דער פֿרײַהייט בלײַבן שטיין אויף אירע פֿיס.

דאָס פֿאָלק, עס צווינגט מיך זײַן אַן אכזר.
דאָס פֿאָלק, ע ס ו ו י י ס ט, וואָס עס באַדאַרף!

סע שמעקט מיט סמאַלינעס אין פֿראַנקרײַך.
פֿון אַלע זײַטן קאָדערט מען די רעוואָלוציע,
און איך זאָל שטיין און צוקוקן, ווי זי קומט אום?!
ניין, ניט פֿאַר דעם כ׳בין אַזוי הויך געשטיגן.
די ליבע פֿון די מאַסן איז מחייב!
דער מאַכטהאָבער מוז וויסן: מאַכט אַ האַק איז,
און אַ גערעכטע מאַכט איז אַ גערעכטע האַק...

*

ניט דאָס מײַדן פּײַן איז וויכטיק.
אמת לויפֿט ניט פֿונעם ווייטיק.
ס׳גייט גאַר ניט אין געבן גליק,
ס׳גייט אין אײַנהאַלטן די ריכטונג
און ניט וויסן קיין צוריק!
און אַזוינס קען מען דערגרייכן
נאָר מיט דעם געבענטשטן בראָכשטאַנג —
האַרטן בראָכשטאַנג פֿון טעראָר!

ס׳טרעפֿט, ס׳מוז יושר זײַן אַ תּלין.
נו, האָט איצט אַזוינס געטראָפֿן.
ווען עס גייט אַ גרויסער חשבון,
קליינלעך איז די פּײַן צו מעסטן.
יעדן טראָפּן בלוט צו ציילן
איז הומאַנישער פֿאַרברעך...

ס׳קען ניט זײַן קיין גוטער הערשער,
ס׳קען נאָר אַ גערעכטער זײַן...

*

געלע זאַנגען, גרינע צווײַגן,
רויטע קווייטן — אין מײַן האַנט.
שיינע ווערטער, שווערע ליידן,
שטראָמען אומרו — אין מײַן לאַנד;

און איך בין עם דער, וואָס פֿאָדערט
און פֿון וועמען מען אַלץ מאָנט...
אָנגעצויגן איז די סטרונע —
מער ווי צו פֿיל אָנגעשפּאַנט!

הער דעם ווייטיקדיקסטן סוד,
בלוטדאָרשטיקע גיליאָטינע:
איינפֿירן אַ נײַעם גאָט
שווערער איז, ווי אים געפֿינען!

כ׳שפּרײַז, פֿון פֿאָלק אַרומגערינגלט —
אין זײַן מיט און אָפּגעזונדערט.
און וואָס מער איך אַרום זיך קוק,
זע איך מער און מער נאָר זיך.

כ׳האָב דערלאַנגט אַהין, ווו ס׳שוועבן
אומשטערבלעכקייטס העלע פֿליגל.
ס׳איז מײַן קאָפּ באַזוימט געוואָרן
מיט דער שײַנראָד פֿון באַרימטקייט.

כ׳בין דער ווינקלשטיין פֿון פֿראַנקרײַך,
כ׳האָב דערגרייכט דעם העכסטן אָנזען,
איך באַטײַט — מײַן לאַנדס זעניט!

*

אָ, מײַן העלסטער טאָג אין לעבן,
עפּעס נעפּלסטו זיך מיר.
אויף די ליכטיקע געדאַנקען
זעצן פֿינצטערע זיך אָפּ.

אַלע מײַנע גרעסטע זיגן
טרינקען זיך אין גרויען צווייפֿל,
און כ׳האָב מורא, כ׳וועל ניט קענען

ראַטעווען ניט זיי, ניט זיך.
ס׳רוקט זיך נעבעכדיק מײַן שאָטן
איבער די פּאַריזער גאַסן,
אויף די יום־טובדיקע ברוקן
זעט ער מער נאָך נישטיק אויס.

אויב מײַן שאָטן אַזוי קליין איז,
ווי אַזוי זשע קען איך טראַכטן,
אַז אַ גרויסע איז מײַן שײַן?

*

זון אויף שויבן, פרייד אין אויגן —
יום־טוב גליט אין שויב און אויג.
קען דען האַלטן, קען דען טויגן
שטימונג, וואָס ס׳שלאָגט אויף דער פּויק?

דעם אַלטן גאָט האָב איך פאַרוווערט,
באַשאַפן כ׳האָב אַ נײַעם גאָט,
און נאָך דעם אַלעמען איך ווייס ניט,
וואָס איז דער חילוק צווישן זיי...

*

קיין מאָל האָב איך ניט געפרעגט זיך,
ווי טוט מען אַהין דעם קאָפּ,
נאָך דעם ווי מע נעמט אַרויס אים
פונעם קויש פון גיליאָטינע...

קיין מאָל ניט געשטעלט זיך פראַגעס,
שטענדיק נאָר זיך אײַנגעעקשנט,
אויפן אמת אויסגעמויערט
אַ באַסטיליע פון צוואַנג.

פונעם טאָג, וואָס כ׳בין דער ע ר ש ט ע ר,
בין איך רק אויך דער גערעכטער.

אומבאַמערקט איך בין געוואָרן
אַ בורבאָן אין רויטער הויב...

אין מײַן אייגנליבע־נעפּל
זע איך באַלד שוין זיך אַליין ניט,
און די זשעדנעקייט צו זען זיך
נעמט נאָך מער די ראיה אָפּ.

וואָס זשע בלײַבט פֿון אַלצדינג איבער?
ווער איז פֿײַנד און ווער איז פֿירער?
ווו איז ציל און ווו עקשנות?
וואָס אַן אורטייל, וואָס בלויז מאָרד?...

*

כ'בין אַלץ מיטן פֿאָלק געגאַנגען,
גאָרנישט כ'האָב פֿאַר זיך גענומען —
ניט קיין געלט, ניט קיין פֿאַרווײַלונג,
ניט קיין ווײַב, קיין הויזגעזינד.

און אָט גיי איך איצט — אַ זיגער,
איז מײַן זיג אויך מײַן מפּלה:
צווישן מיר און פֿאָלק — אַן אָפּשטאַנד!
רונד־אַרום פֿון אַלע זײַטן —
וויסטער חלל אַרום מיר...
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
ס'גאַנצע לאַנד פֿאַר זיך גענומען,
און אַן עלנטער געבליבן!

*

ווײַל כ'גיי אַליין, איך טייל זיך אויס,
ווײַל כ'טייל זיך אויס, איך זע אויס גרויס,

דאָך אין דער אמתן כ'בין קליין,
מײַן גרייסן זיך מאַכט מיך געמיין.
וואַשנדיק אין בלוט די פֿרײַהייט,
האָב איך נאָר באַפֿלעקט איר לײַב...

איינער טאָר ניט אַלץ פֿאַרכאַפּן.
ס'קען ניט זײַן, אַז ס'זאָל דער אמת
זײַן דאָס אייגנס פֿון אַ יחיד,
די גערעכטיקייט זאָל הויזן
שטענדיק נאָר אין זעלבן מענטש!

ווי האָב איך עס זיך פֿאַרשוועכט
מיט אַן אייביק זײַן גערעכט?
ווי איז מיר ניט אײַנגעפֿאַלן,
אַז איך טו נאָר איינס: איך שעכט?

*

ס'זוכט דעם אמת די געשיכטע,
דאָך ביז וואַנען זי געפֿינט אים,
קניט זי מער נאָך פֿאַרן שקר;
און דער שולדיקער דערין איז
דער, וואָס די געשיכטע מאַכט.

שטענדיק, ווי נאָר כ'נעם דעם יושר
און איך הייב אים, ווי אַ פֿאָן אויף,
לאָזט ער באַלד צוריק אַראָפּ זיך
מעשׂה מאָרדנדיקע האַק!...

וואָלקנס וואָגלען אין מײַן זינען,
פֿאַרגעפֿיל מײַן רו צעגריזשעט,
קאַלטע ניכטערקייט זאָגט אונטער,
אַז עס דעמערט מײַן הצלחה!

ס׳וועט די ציַיט אָן פּניות מעסטן —
די געשיכטע פֿירט אַ חשבון...

דער, וואָס וואַשט אין בלוט די פֿרַייהייט,
שמירט זיַין נאָמען איַין אין בלוט!

ווילנע, אָקטאָבער־נאָוועמבער 1966

עלי

זונפֿאַרגאַנג אין שילה.
עלי זיצט בײַם טויער,
ניט ער זעט די שקיעה,
ניט ער הערט די פֿייגל.

פֿערציק יאָר אַ כּוהן,
פֿערציק יאָר אַ שופֿט,
און ער זיצט בײַם טויער —
עלי און אוים עלי...

ערגעץ לעבן אַפֿק,
אינעם לאַנד אפֿרים,
פֿלאַקערט אַ מלחמה
מיט די הינט — די פּלישתּים.

און די זין פֿון שילה,
מצפּה, גבע, רמה
שנײַדן מיט די שווערדן,
פֿאַלן אויף די שפּיזן.

ניט נאָר שילהם מענער
שלאָגן זיך אין אַפֿק.
מיט די זין פֿון שילה
קעמפֿט דאָרט אויך גאָטס אָרון.

זיצט דער אַלטער עלי
בײַם געצעלט פֿון שדי.[1]
אַ, דער אוהל־מועד,[2]
ווי זײַן האַרץ איז ליידיק!

ניט געדאַרפֿט עס וואָגן,
ניט געטאָרט דערלאָזן,
מע זאָל אויפֿן שלאַכטפֿעלד
מיטנעמען גאָטס אָרון.

ווײַנען אַלע גלידער
אינעם לײַב פֿון זקן,
און די בלינדע אויגן
זײַנען זיי מקנא...

אַכט און נײַנציק יאָרן
אָפּגעלעבט האָט עלי.
פֿערציק יאָר געדוכנט,
פֿערציק יאָר געמישפּט.

איצט ער זיצט אַ זקן
בײַ אַ פּוסטן מיקדש;
גאָט איז אויפֿן שלאַכטפֿעלד,
שכינה אין געפֿאַר איז.

טרערט דאָס האַרץ בײַ עלין,
ברִיען די געדאַנקען,
אומזעיִקע אויגן —
פֿול מיט שווערע בילדער:

פֿערציק יאָר געמישפּט,
פֿערציק יאָר געדוכנט,
פֿערציק יאָר געכאָוועט
יורשים פֿאַר זײַן כּהונה.

אַלט איז ער געוואָרן,
היטנדיק גאָטס אָרון.
פֿאַרכטיק און מיט ליבשאַפֿט
איז געווען זײַן דינען.

באַלד וועט ער שוין מוזן
גאָטס געצעלט פֿאַרלאָזן,
און די יורשים זײַנע —
ווי צו זײַנע יאָרן!

ס'איז געווען אַ פּינחס,[3]
וואָס געטייט האָט זימרין,[3]
זײַן זון — פּינחס הייסט ער,
און אַ זימרי איז ער...

און זײַן ערשטלינג — חפֿני,
וואָס באַטײַט אַ הויפֿן,
ברענגט אים, אַנשטאָט נחת,
פֿולע הויפֿנס וויטיק...

פֿערציק יאָר אַ כּוהן,
פֿערציק יאָר אַ שופֿט,
פֿערציק יאָר דער ערשטער
אינעם הויז ישׂראל,

און ער ט'אויפֿגעכאָוועט,
ווי צום טאַטן, בנים —
אויסוואָרפֿן, וואָס שענדן
אַלע צען געבאָטן.

פֿינצטערע הולטײַעס
ווילדעווען אין מיקדש
אין אַ כּיור טומאה
זינקען חפֿני, פּינחס.

טעגלעך ער דערוויסט זיך
נײַע זינד־המצאות
פֿון די זינדלעך זײַנע
לעבן גאָטס מזבח.

פֿערציק יאָר אַ שופֿט,
פֿערציק יאָר אַ כּוהן,
פֿערציק יאָר געהייליקט
שילהס גרויסן נאָמען,

און נאָך בײַ זײַן לעבן
ווערט עס אַלץ פֿאַרברודיקט,
און די שענדערס זײַנען,
ווי אים, זײַנע בנים.

דער מנוול חפֿני
און דער מופֿקר פּינחס
טרייפֿסטע זינד באַגייען
אונטערן נר־תּמיד...

ניט נאָר שכר[4] טרינקט מען,
יין־נסך[5] זויפֿט מען,
מיט די פּיס מע טראַמפּלט
אויף די ווײַרעכפֿאַנען...

קומט אַ מענטש צום אוהל
מקריב זײַן זײַן קרבן,
פֿאַלן צו די בנים,
ווי נבלה־שינדערס.

מיט פֿאַרזויפֿטע בליקן,
מאַרקיונגישע תּנועות
שטורכען זיי און מאַנען
אויסגעטראַכטן מעשׂר.[6]

ווי חזירים־הענדלערס
שלעפּן זיי דעם קרבן,
דרייען אים די הערנער,
בריקען און כּיכיקען...

און ווען ס׳קאַכט דער קעסל
מיטן פֿלייש פֿון ווידער,
איז שוין גאָר אַ לעבן
פֿאַר די ווייסטע אומלײַט:

מיט אַ ריזן־גאָפּל
לויפֿט צום טאָפּ צו חפֿני,
פּינחס הייבט אים אונטער,
פֿײַפֿנדיק אַ ווײַנליד,

און מען האַקט אַרײַנעט
אינעם פֿלייש דעם גאָפּל.
סאַמע ברוסט און פֿלאַנקען
כאַפּן זיי און פֿרעסן,

און זיי וויצלען זיך נאָך:
„גאַנצאָפּער״[7] מע רופֿט עס,
ווײַל ס׳געהער אין גאַנצן
צו אונדזערע מאָגנס״...

וויי צום מיקדש־שילה,
וואָס אין אים פֿאַרלויפֿט זיך:
אָנגעשטאָפּט די בײַכער
מיט דער שכינהס חלק,

זשליאָקעט מען פֿון פֿאַנען
ווײַנען פֿון קפּריסין,
און מען לויפֿט צום טויער
צו די שלאַנקע מוידן,

צו די ריינע בתולות —
אומבאַרירטע טעכטער,
וואָס דעם צוגאַנג היטן
צו דעם אוהל־מועד.

וויי צום מישכּן־שילה:
ביידע עלים בנים
ליגן מיט די קדושות,
מאַכן פֿון זיי קדֵשות...[8]

גרויסער גאָט פֿון סיני,
וווּ איז דאָ דער אומגליק?
מוז דען אַ משפּחה
דווקא קאַליע ווערן?

איז עס דען אַ חיוב,
אַז אַ שטאַם געזונטער
מיט דער צײַט זאָל ווערן
ביזן ביין פֿאַראײַטערט?

אָדער איז עס עלים —
טאַקע עלים בלוטשולד?
נישטיק זײַנען גדולים,
וואָס געבוירן נישטן.

ס׳ענטפֿערן פֿיר דורות
פֿאַר די זינד פֿון טאַטעס.
אָבער אויך די טאַטעס
ענטפֿערן פֿאַר קינדער.

ווי קען עס געמאָלט זײַן,
פֿון אהרונס זוימען
און פֿון עלים לענדן
טמאים זאָלן אויפֿגיין?

ווי האָט עס געטראָפֿן,
אַז אין סאַמע שילה,
אונטערן פּרוכת
זאָל נבלה הויזן?

עלי, בלינדער עלי —
הײַנטיקער אהרון,
ווערעמדיק געוואָרן
איז דײַן שטאַם דער ריינער.

שדים העכסטער דינער,
שילהס שענסטער צעדער
לאָזט נאָך זיך אַ נאָכוווּקס —
גיפֿטיקע צוויי פֿלאַנצן!

אומגליקלעכער עלי, —
כּוהן, שופֿט, טאַטע,
אויסגעשפּילטער פֿידל
און פֿאַרהילכטער ניגון,

ס׳לאַנגע אויבנאָן־זײַן
קראַנק געמאַכט דײַן הויז האָט.
מוז צעשמעטערט ווערן
שטאַם וואָס איז פֿאַרקריפּלט!...

*

פֿונעם רויטן שלאַכטפֿעלד
לויפֿט אַ בשורה־ברענגער
און זײַן שוויים שוין טראָפֿנט
אויפֿן זאַמד פֿון שילה.

„דו, מײַן האַר, ביסט עלי?
כ׳קום צו דיר פֿון אַפֿק.
ס׳איז מײַן צונג באַלאַסטיקט
מיט דער ערגסטער בשורה:

גרויס איז די מפּלה —
דרײַסיק טויזנט טויטע!
און אויך חפֿני, פּינחס
ליגן אָן אָן אָטעם.

און גאָטס אָרון, עלי,
האָט דער פֿײַנד געפֿאַנגען...
עלי!
עלי!
עלי!!..״
— — — — — — — — — — — —

זונפֿאַרגאַנג אין שילה.
עלי ליגט בײַם טויער —
דאָס גועניק צעבראָכן...

זונפֿאַרגאַנג אין שילה.
הויזפֿאַרגאַנג פֿון עלי!

ווילנע, מאַרץ 1967

אָנמערקונגען:

1 שדי — איינער פון גאָטס נעמען.
2 אוהל־מועד — מישכּן — צײַטווײַליקער מיקדש אין אַ ספּעציעלן גרויסן געצעלט.
3 פּינחס, זימרי — אין מידבר האָט פּינחס מיט אַ שפּיז דערשטאָכן זימרין בשעת יענער האָט געזינדיקט מיט אַ טאָכטער פון די פֿײַנדלעכע מדינים.
4 שכר — אַ יוירנדיק באַרוישנדיק געטראַנק פון תּבואה אָדער פּירות.
5 ייִן־נסך — ווײַן פון געצנדינער און ווײַן, וואָס מען ברענגט אַ קרבן פאַר געצן.
6 מעשׂר — אַ צענטחלק, וואָס מען פלעגט געבן דעם שבט לוי.
7 גאַנצאָפּער (קרבן־עולה) — אַ קרבן, וואָס האָט געדאַרפט פאַרברענט ווערן אויפן מזבח אינגאַנצן. דער כּהן האָט געמעגט צונעמען נאָר די פעל.
8 קדשות — פרויען, וואָס זײַנען געווען באַשטימט פאַר אָרגיעס אין קולט פון בעל און עשתּורת.

נאָכן מבול

(אָדער „דער שיכורער נח")

אָ, דו פֿײַערדיקער ווײַן,
דרינגסט — פֿריש בלוט — אין מיר אַרײַן.

ס'אַלטע האַרץ ווערט בראַוו און יונג,
צונג באַקומט אַ נײַעם שווונג!

אַלץ פֿאַרחידושט, אַלץ געפֿעלט,
שטיפֿגעמיט דעם צער פֿאַרשטעלט...

אָ, דו ווײַן — דו ספּריטנער ווײַן!
דולער, ווילדער, ווילער ווײַן!!

*

בין עס איך — דער אַלטער נח?
איך, דער צדיק און דער תּמים?
עפּעס בלאָנקעט אין מײַן מוח,
ווי אַ פֿרעמדער אום מײַן נאָמען.

אונטער שווערע הענגלעך טרויבן
וואַלגער איך זיך אין די גראָזן,
ווינק און שמונצער צו די טויבן,
טרײַב קאַטאָוועס מיט די האָזן.

אָט האָט ער עס מיך באַצויבערט
דער צעשפּילטער ווײַן פֿאַרשײַטער!
אָט — ער גלעט, און אָט — ער שויבערט,
פֿון דער האַרבער וואָר דערווײַטערט.

אַלע צווייפֿלען ער צעווייעט,
איטלעך גרימעניש פֿאַרטרײַבט ער,
און כּל־זמן דאָס האַרץ נאָך ווײ האָט,
דער געטרײַסטער טרייסטער בלײַבט ער...

אָ, געבענטשטער ווײַן, אַנטרין ניט
פֿון צעבויטעטע געהירן!
איך קיין אַנדערן געפֿין ניט,
וואָס זאָל מיך אין פֿריידלאַנד פֿירן...

*

פֿאַרשאָלטן זײַנען מיר!
מיר בלאָנדזשען אום פֿאַרלאָרן
אין וואַלד, וואָס האָט סך־הכּל נאָר צוויי ביימער —
דעם צו־דער־הייך־זיך־רײַסנדיקן עץ־החיים,
דעם אין־דער־ברייט־זיך־צווײַגנדיקן עץ־הדעת.
אַזוי פֿיל סטעזשקעס צווישן זיי זיך שלענגלען,
און יעדער איינע, זעט אונדז אויס, זי איז די רעכטע
און יעדער איינע, ווײַזט אַרויס זיך, זי דערפֿירט ניט...

און אַנדערש טראַכטנדיק:
ווו־הין זאָל זי דערפֿירן?
וועט מען בײַם בוים פֿון לעבן שטיין,
וועט מען דעם בוים פֿון וויסן גאַרן.
וועט מען אין בוים פֿון וויסן אָנשפּאַרן,
וועט דאָך דער בוים פֿון לעבן פֿעלן,
און פֿון זיי ביידן צו געניסן
איז אַוודאי און אַוודאי ניט באַשערט!..

*

אָ, ווי אומווערדיק טשיקאַווע
ס׳פֿירן זיך עס אַלע ברואים!
ווען געוועז מען איז אין תּבֿה,

ווען געלאָקערט האָט סכּנה,
האָבן אַלע זיך פֿאַרטראָגן —
קיינער קיינעם ניט פֿאַרצוקט האָט:
לייב געגעגעצט האָט צום אייזל,
לעמפּערט איז ביַים באָק געלעגן,
האָז ביַים וואָלף געזוכט האָט אומפּלייט,
יאָזש האָט גייענדיק געהיט זיך,
ער זאָל קיינעם ניט פֿאַרטשעפּען,
און די שלאַנג האָט זיך געדרעמלט,
ליגנדיק אַרומגעוויקלט
אַרום הירשס צעצוויַיגטע הערנער...

דאָך, ווי נאָר אַרוים זיי זיַינען
פֿון דער תּבֿה און סכּנה,
איז דער וואָלף אַ וואָלף שוין ווידער
און דער חזיר — ווידער חזיר.
בלוט איז זיס און ווילדקייט מוטיקט,
נעגל זוכן ווייכע ליטקעס,
ציין באַגערן קנאַקן ביינער,
און ווי נאָר ס׳קומט אויף אַ לעבן,
איז עס גרייט פֿאַרצוקן לעבנס...

*

ווי מיַין אורזיידן דעם וויַיטן,
איז באַשערט מיר זיַין אַן ע ר ש ט ע ר.
נח איז אָבער ניט אָדם!
ווער ס׳איז ניט געווען דער אָנהייב,
ווערט דאָך קיין מאָל עס ניט ווערן.
ווער ס׳האָט דורכגעלעבט אַ מבול,
מוז דערנאָך — שוין ס׳גאַנצע לעבן
שפּירן זיך, ווי אָנגעשפּאָלטן.
אויפֿן העכסטן אַררט־שפּיץ
קריגט מען ניט די גרויסע זכיה,

וואָס איז מעגלעך צו באַקומען
דעם, וואָס הייבט אָן אין גן-עדן...
אין איין פּרט בלויז כ'בין געגליכן
צו מײַן אור-אור-זיידן אָדם:
מײַנע זין, אַזוי ווי זײַנע,
ציִען זיך רק צו דער זינד...
פֿײַנלעך איז אַזוינס צו וויסן,
דאָך כּסדר מיר עס טראַכט זיך,
אַז שוין באַלד, גאָר-גאָר אין גיכן
וועלן אַלע אויף מיר טײַטן:
„קוקט אים אָן! דאָס איז דאָך נח —
ער, דעם נײַעם קינס טאַטע!.."
און צי וועט עס זײַן אַ וווּנדער?
וואָס פֿאַראַן איז צו דערוואַרטן?
כ'האָב דרײַ זין, און יעדן איינעם
פּרעסט זײַן אייגענער חסרון.
חם איז טעמפּ, פֿאַרגרעבט און נאַריש,
יפֿת — קאַלט, פֿאַרביסן, רוצחיש,
שם איז ווילד פֿון וועלן שמען...
ווײ איז מיר, דעם צדיק-תּמים,
לעבנרעטער, זינד-דערטרענקער,
אַז דאָס בייזס צעוואַקסט זיך ווידער
פּונקט אַזוי, ווי ביזן מבול!
חם, מײַן זון, אַ דו כאַמוליע,
ווי האָסטו אַזוי פֿאַרשעמט מיך?
ווי האָסטו בײַ זיך געפּועלט
אָפּצולאַכן פֿונעם טאַטן
און כיכיקענדיק נאָך טײַטן
אויף זײַן חרפּה דער אַנטבלויזטער?
חם-כאַמוליע! חם-כאַמוליע! —
לאָגל, פֿול געמיינע מידות!..

*

פֿרעגט זיך: בין איך דען אַ רעטער?
וואָס האָט אויפֿגעטאָן מײַן תּבֿה?
ווייַ איז מיר, עס איז דאָך מעגלעך,
אַז איך בין גאָר דער געמיינסטער.
ראַטעווען אַזאַ, וואָס בייז טוט,
איז געווים די גרעסטע זינד.
ס׳איז מײַן פּלומרשט געטלעך שליחות
צווייפֿאַכיק געווען פֿאַרדאָרבן:
קודם האָב איך מײַן געזינד נאָר
אין דער תּבֿה אויסבאַהאַלטן,
נאָך דעם אויף אַן ערד אַ ריינער
נײַע זינדיקייט באַזעצט...

האָט געהאָלפֿן דען דער מבול?
האָט ער ס׳בייזס אָראָפּגעוואַשן?
אַלצדינג, וואָס געווען איז פֿריִער,
האַלט פֿון ס׳נײַ אין איין געדײַען —
ווידער אומרעכט, ווידער שקר,
ווידער גזלה, מאָרד און צביעות,
ווידער קינאה אין געצעלטן,
ווידער בלוט אויף זאַמד און גראָז...

*

ווי נאָר כ׳בין אַרויס פֿון תּבֿה,
האָב איך באַלד געזען, כ׳בין עלנט.
קוים באַטרעטן די יבשה,
האָט אַנטפּלעקט זיך מיר דער אמת:
דער מבול איז אַן אויסראַטער געווען,
ניט קיין פֿאַרריכטער!..

גענומען האָט מיך פּײַניקן חרטה.
האָב איך געקלערט,

כ'וועל אין דער מי פֿון איר זיך אויסבאַהאַלטן.
פֿאַרפֿלאָנצט כ'האָב ווײַנגערטנער,
דערטראַכט זיך ווײַן צו שטעלן —
אַ נײַעם קוואַל פֿון זינד געעפֿנט פֿאַרן מענטש —
אַ קוואַל וואָס שפּרודלט פֿרייד,
געוואַגטקייט,
עזות,
דראַנג...

— — — — — — — — — — — — — — — —

כ'האָב אויף דער פֿרוכט פֿון לעבנבוים געלאָקערט,
כ'האָב זיך געגרייט פֿון קלוגן וויסנבוים געניסן,
און נאָך דעם אַלעמען
גאָר פֿונעם ווײַנשטאָק כ'צאַפּ די טרייסט!..

*

שוין אין תּבֿה כ'האָב פֿאַרשטאַנען:
איינער קען אַ דור ניט בײַשטיין.
איינער ווערן מוז, ווי אַלע
(פֿריִער, שפּעטער — דאָך ס'געשעט!..)

מבול, מבול — גרויסער וואַשער,
רייניקער און בייזס-פֿאַרדאַרבער,
דײַנע פֿלייצנדיקע שטראָמען
אויך דעם רעטער ראַטן אויס.

אמת, כ'האָב פֿאַרהיט מײַן אָטעם,
און מײַן לײַב ליגט ניט דערטרונקען,
דאָך מײַן רו פֿוילט אין דער תּבֿה
אויפֿן שפּיץ פֿון אַררט...

מבול, מבול — שטרענגער שטראָפֿער,
גרויסער אויסלייזער-פֿאַרשמײַסער,

כ׳זע איצט אײַן, אַז אין מײַן לעבן
כ׳האָב פּסדר נאָר געגרײַזט.

בין איך נח מיט די זיבן גרײַזן.
זיבן פֿאַרבן זע איך אינעם רעגנבויגן.
יעדערע — אַן אָפּשפּאַלט פֿון דער זונענשײַן.
דאָך ווי נאָר זיי זיך באַווײַזן,
פֿינקלט פֿרייד אויף אין די אויגן,
און מען גליקלעך איז צו טראַכטן:
ס׳וועט קיין מבול מער ניט זײַן...

ווילנע, אַפּריל־מײַ 1969

יפתח

ס'ברעכט אַן אויף טאָג.
ס'פֿאַרשמעקט מיט בראשית און באַנײַונג,
עס גאָרגלען פֿרייד די אויפֿגעוועקטע פֿייגל,
נאָר אין מײַן הארץ אַ דאָרן שטעקט,
און אין מײַן מאַרך — אַ קנויל פֿון שחיטה-בילדער...
דער טאָג פֿון אומגליק שפּאַנט
מיט שטיינערנעם רוצח-טראַט,
און ס'ווערט מיר פֿינצטערער און פֿינצטערער,
וואָס מער ס'ווערט ליכטיק!

שוין זעכציק נעכט...
שוין צוויי לבֿנות צײַט, ווי כ'האָב ניט צוגעטאָן קיין אויג.
עס האָבן זעכציק שוואַרצע אייביקייטן דורך מײַן מאַרך געפֿויזעט,
און אַלע טראַכטענישן האָבן זיך פֿאַרענדיקט
מיט אַ פֿאַרייִאושט ברעכן זיך די פֿינגער אויף מײַן בראָך...

גאָטס אַ בעל-חוב,
האָב ניט געקענט איך ווענדן זיך צו אים.
האָב איך געזיפֿצט צום סתּם,
בײַ ווינט און נאַכט געבעטן גנאָד,
צו יעדער שטראַל און שטערנדל איך האָב געטענהט.
נאָר איטלעכער פֿון זיי האָט מיר צוריקגעוווּנקען,
ווי ער מיר אויפֿגעוואָרפֿן וואָלט: „דו ווייסט גאַנץ גוט,
אַז דו אַליין דאָס אומגליק האָסט באַשטעלט.
מיט אַזאַ גרינג געמיט האָסט צוגעזאָגט אַזוינס,
אויף וואָס אויך גאָט אַליין, מיר דוכט, פֿאַרטראַכט זיך..."

די לעצטע נאַכט!
אַט קומט שוין אָן דער טאָג,
ווען ז י צוריקקערן וועט פֿון די בערג,
אָן אָפּגעזעגנטע פֿון אירע יונגע יאָרן.

ווי וועל איך אויסהאַלטן איר איַינגעהאַלטן וויינגעמיט,
די טומלדיקע פֿרייד פֿון אירע חבֿרטעס,
וואָס פֿליַיסן זיך מיט שטראָמען ליד און טאַנץ
אירליידן-פֿלאַקער לעשן?

שוין זעכציק טעג איך גרייט זיך צו איר טויט,
שוין זעכציק נעכט איך זיין אָן שלאָף
און מיט אַן אומבאַהאַלפֿענעם געדאַנק
איך זוך אַ מיטל, ווי זי ראַטעווען צו קענען.
נאָר ס׳איז אומזיסט!.. מיַין וואָרט, וואָס איז געפֿאַלן
אין אַ שעה, ווען ס׳דולט די גאווה,
איז נוקם זיך מיט ציין און נעגל פֿון אַ חיה-רעה,
מיַין נדר, וואָס איז, פּונקט ווי איך,
אַ פּרוכט פֿון ליַיכטזיניקער פֿירונג,
קומט איַינמאָנען ס׳גזלנישע געצאָלט.

באַלד וועט זי אָנקומען,
אין דער אַרומרינגלונג פֿון אירע פֿריַינדינס.
ווי שטויב באַגלייט אַ קאַראַוואַן,
באַגלייטן וועט זיי יוגנטלעך געהילך.
איז וואָס פֿון דעם,
וואָס ס׳מיִען זיך די חבֿרטעס זי טרייסטן,
באַרוישן זי מיט שפּיל, געזאַנג און יונגפֿרויטענץ?
אַז זי גאָר מיך זעט, מיך — איר טאַטן דעם רוצח, —
ווי ער, אין זיַין פֿאַרריסנקייט און גאַרונג גרויס צו ווערן,
באַשטעלט פֿאַר איר, זיַין איינציקער, אַ פֿריציַיטיקן טויט.

אָ, טיַיער גילעד-לאַנד, פֿול גרינע פּאַשע-היגלען,
באַשפּרענקלטע מיט סטאַדעס פֿעטע קי און ציגן,
כ׳האָב אויסגעוואַנדערט אַלע דיַינע סטעזשקעס,
געבאָדן זיך אין ירמוך און אין יבוק,
געפּוסטעפּאַסעוועט, געראַבעוועט, געהוליעט,
און אינעם טומל רווישיקסטן זיך שלווהדיק געפֿילט.

נאָר ווען עס האָבן מײַנע גאַוהדיקע ברידער
די שטאָלצע קעפּ הכנעהדיק פֿאַר מיר געבויגן,
געבעטן זיך, איך זאָל זיי ראַטעווען פֿון עמון,
און איך געוואָרן בין דער פֿירער, זיגער, שופֿט,
איז אָנשטאָט רו געקומען זינען־שפּאַלטנדיקער רום...

ווי ליכטיק זענען אויס אַצינד מיר יענע יאָרן,
ווען איך אָן זאָרג האָב אומגעשלעפּט זיך אויף די וועגן
און מיט אַ באַנדע דרייסטע הייסבלוטיקע לומפּן
גענוצט דאָס מעסער נאָר אויף אײַנשרעקן און נעמען רויב.
צי איז דען מעגלעך, אַז מײַן יוגנטפֿרײַנד — דאָס מעסער,
וואָס איז אַ מאָל געווען דער אָנשפּאַר פֿאַר מײַן לעבן,
זאָל איצט פֿאַרשנײַדן דעם מיך גליקלעך־מאַכנדיקן אָטעם,
אָן וועלכן ס׳וועט מײַן לעבן זײַן אַ טויטס?..

איך האָב געזיגט. עס בענטשן זיך מיט מיר
די שווערלײַביקע גילעד־זין באַפֿרײַטע.
עס הילכט נאָך אין דער לופֿט
דאָס ברויזיקע „יחי״־געשריי,
פֿון די, וואָס האָבן מיך באַגעגנט.
נאָר זייער אומגעצוימטע שאַלנדיקע שימחה,
וואָס האָט פֿאַרמאָגט די רוישיקייט פֿון אַן עליית־רגל,
געוואָרן איז צעריסן פֿונעם קלאַנג פֿון צימבל־פּײַקל,
וואָס אין דער האַנט פֿון מײַן פֿאַרגעטערטער,
דאָך מיטן אומזיניקסטן טויט פֿאַרקנסטער בת־יחידה...

כ׳טראַכט איבער נאָך אַ מאָל
און ווידער פֿון דאָס נײַ כ׳טראַכט איבער,
איך מיש און מיש מײַן אויך אַזוי זיך מישנדיקן זינען,
אָט — איך צעברעך אין מײַן געדאַנק דעם חלף
און אָט — איך, קרעכצנדיק אים ווידער שלײַף...
ניין־ניין, ניטאָ און ס׳קען ניט זײַן קיין אויסוועג
פֿאַר יענעם, וואָס זײַן וואָרט

שטופּט אים אין האַנט אַרײַן אַ מעסער.
עס מוזן אונטערגעבן זיך געפֿיל און ווילן,
עס מוז דער קרבן לייגן זיך אויפֿן מזבח,
און בלינדער צוזאָגער מוז זײַן אַ בלינדער פֿאָלגער פֿון זײַן וואָרט...

כ'האָב אין מײַן לעבן שוין געהאַט אי ביטערגראָז, אי לאַקרעץ!
כ'האָב אויסגעהאַלטן גרינגשעצונג, פֿאַראַכטונג, שׂינאה,
כ'האָב צוגעזען, ווי מײַנע פֿריִערדיקע פֿײַנד
געפּלעפֿט זײַנען פֿון מײַן נצחון,
און נאָך מײַן אימפּעטיק דערגרייכן העכסטע הייכן
כ'האָב פּלוצעם זיך דערזען, איך בין אין תּהום.
איך האָב אַ האַרץ, וואָס איז שוין זעכציק טעג קיין האַרץ ניט,
איך האָב אַ זיג, וואָס איז אַ זיג איבער מײַן גליק,
איך האָב געדאַנקען, ווי די עקדישן פֿול גיפֿט,
און, ווי די עקדישן, זיי זיך אַליין דערשטעכן...

עס ענדיקט זיך דער זעכציקסטער מעת־לעת.
נאָך הײַנט באַווײַזן וועט דאָס מזל מיר זײַן רוקן.
אָ, העלף מיר, גאָט, אין אָט דער שעה פֿון שווערסטע ליידן!
איך בעט דיך: העלף,
נאָר כ'ווייס אַליין ניט וואָס איך בעט דיך —
צי וויל איך, זאָלסט מיר העלפֿן קוילענען מײַן קינד,
צי כ'וויל, זאָלסט העלפֿן מיר פֿאַרראַטן דיך —
מײַן וואָרט ניט האַלטן...

כ'האָב אַ געפֿיל,
אַז ווי נאָר ס'וועט אַ פֿלייץ טאָן
אויפֿן חלפֿס קלינג איר בלוט,
וועט ווערן אָפּגעהאַקט די צײַט,
פֿאַרגליווערט ווערן וועט די וועלט,
און איך וועל בלײַבן גלאָצן
ווי אַרײַנגעפֿרוירן אין אַ רויטער בענקשאַפֿט.
ניט זײַן עס וועט קיין יפֿתּח מער,

ס'וועט זײַן אַן אומגליקלעכער גרויער שטיין,
וואָס, ווי לוטס ווײַב,
וועט שטיין נאָר אויף צו וואָרענען און שרעקן...

עס האָט מיך אָפּגענאַרט די שײַן פֿון מײַן נצחון —
אַ בליץ, אַ בליץ געטאָן און מיך געלאָזן אין דער פֿינצטער.
ניטאָ קיין זיג מער, ס'איז פֿאַראַן נאָר ווייטיק.
ניטאָ קיין אויסוועג מער,
פֿאַראַן נאָר וואַקלעניש, פֿאַרזינדיקטקייט און בראַך...

באַלד וועט זי אָנקומען אַוועקשטעלן איר לעבן קעגן מײַן געוויסן,
און איך דערלאָזן וועל, עס זאָל מײַן צופֿעליק געגעבן וואָרט
פֿאַרגוואַלדיקן מײַן אָפּגענאַרטן ווילן.
איך — דער בן־זונה און דער פֿירער פֿון אַ באַנדע —
פֿאַרגלוסט האָב זיך אַ רעטער און געוועלטיקער צו ווערן,
און ווי דער גרויסער אורפֿאָטער אברהם,
מײַן קינד דאָס איינציקע אַ גאָב פֿאַר גאָט איך ברענג.
נאָר ווײַ דעם נישטיקן, וואָס טראַכט, ער איז אַ גדול!
עס וועט ניט איבערחזרן זיך מער דער נס פֿון דער עקדה.
ניט קומען וועט אַ מלאך אָפּשטויסן מײַן חלף,
ניט אונטעררוקן אַ באַראַן אַנשטאָט מײַן בת־יחידה.
ווי פֿאַלט עס מיר גאָר אײַן צו טראַכטן וועגן זיך
ווי וועגן אונדזער שטאַמפֿאָטער, דעם צדיק?
ווי קאָן גאָר זײַן אַ רייד וועגן פֿאַרגלײַכן אונדזערע עקדות?
אַז אים, דעם גלייביקן, האָט גאָט געשטעלט פֿאַר אַ נסיון,
און איך, דער זינדיקער, געמאַכט האָב אַן אַרויסרוף גאָט...

ווילנע, דעצעמבער 1969

די פּיראַמידע־בויערס

ס׳גייט אַ רעגן.
ס׳ערשטע מאָל נאָך זיבן לאַנגע יאָר אַ רעגן,
ס׳ערשטע מאָל: אַ הימל אָן איין שטערן.
אויפֿן נאַסן, גרייַפֿלדיקן זאַמד מיר ליגן,
האַלטן אויפֿגעריסן ברייט די זשעדנע מייַלער,
זאָל דאָס ווונדערלעכע הימל־וואַסער
גלייַך פֿון וואָלקן אין די גאָרגלען אונדז אַרייַן...

שטראָמענדיקער, פֿלייצנדיקער רעגן —
גליק, וואָס איז פֿאַר אַלעמען און יעדן!
איינציקער גענוס, וואָס קיינער קען ניט רויבן;
אונדז געהערט ער, פּונקט אַזוי ווי פּרעהן,
ווי אַ גרויסע לאַטאַסבלום עס בליט דאָס האַרץ...
פּלאָגט אָבער און פּייַניקט דער זכּרון,
נאָגט און לאָזט ניט רוען די דערמאָנונג:
ערגעץ ווייַט אין ברייענדיקע זאַמדן
שטייען ליימענע צעפּלאַצטע היימען
און אין זיי פֿאַרלאָזטע, אומגליקלעכע לעבנס
בענקען, שמאַכטן, גייען אויס, ווי מיר...

עס האָט דער, וואָס אינעם הויז דעם גרויסן*,
אונדז אַרויסגעריסן פֿון די נעבעכדיקע בייַדלעך,
און באַפֿוילן אויסטריפֿן אונדזערע לעבנס,
עס זאָל אים זייַן ווויל אויף יענער וועלט...
פֿונעם זונאויפֿגאַנג ביז שטערן־אויפֿגלאַנץ
פֿרייַכן מיר און וויקן זיך אין שווייסן,
שלעפּן דורכן מידבר גאַנצע פֿעלדזן,
וואַלגערן אַרויף אויף העכסטע הייכן
בראָכשטיינער אין פּרעהס אייביקן געצעלט...

---

* „פּרעה״ באַטייַט „דאָס גרויסע הויז״, ד.ה. „דער, וואָס לעבט אין גרויסן הויז״.

ע ר, וואָס וווינט אין גרויסן הויז,
וואָס געניסט די גרעסטע פֿרייד,
קען ניט דעם געדאַנק דערלאָזן,
אַז דאָס אַלצדינג מוז אַוועק...
אייביק, וויל ער, זאָל עס האַלטן!
ער באַזיצן מוז זײַן גרויסקייט
ניט נאָר איצט, אויך נאָך זײַן שטאַרבן!
דער, וואָס האָט דאָס גליק געפּאַקט שוין,
לאָזט עס ניט פֿון האַנט אַרויס...

דרײַ מאָל גרעסער, צען מאָל העכער
פֿון זײַן גרויסן הויז אין מעמפֿיס
דאַרף זײַן יענע-וועלט-שלאָס זײַן.
שווער און ווערדיק, שטרענג און מאַכטיק,
פֿעסט און אייביק, ווי אַ שטיינבאַרג,
אָן שום טיר און אָן שום פֿענצטער,
ניט דערגרייכלעך פֿאַר קיין בריאה,
אָפּגעשלאָסן, אָפּגעזונדערט
זאָל דאָרט הויזן, זאָל דאָרט רוען
פּרעה — מלך, פּרעה — גאָט...

ווייַ, ווי גרויס,
ווי ריזיק אונדזער צאָל איז!
אויף די אַקסלען און געניקן רײַטן פֿעלדזן,
קני זיך בייגן, רוקנס ברעכן אײַן זיך,
ס'טריפֿט דאָס לעבן — טריפֿט און רינט ניט אויס...
וויי, ווי גרויס,
ווי ריזיק אונדזער צאָל איז,
און פֿאַר יעדערן פֿאַראַן איז אַ שטיק אומגליק.
ווי פּאַפּירוסן — פֿאַרקוואַרט אונדזערע לײַבער,
אין די גלידער — רויטע מידקייט, אַנשטאָט בלוט...
וויי, ווי גרויס,
ווי ריזיק אונדזער צאָל איז,

און מיר ווערן בטל קעגן איינעם!
ווי אונדז, אַז אַזוי פֿיל הערצער ברענען,
און זיי צינדן גאָרנישט, גאָרנישט אָן!..

גרויסער לעבן־האַסער — גאָט אַנוביס[1] —
נעם אונדז צו, באַפֿרײַ אונדז פֿון די ליידן!
פּײַן אָן האָפֿענונג דערלויבט ניט וואַרטן,
אָנקומען דער טויט זאָל ווען ניט איז...
תּיכּף! תּיכּף! ווילן מיר אים האָבן;
שטיין צעקוועטשט האָט אַלע אונדזערע באַגערן.
זײַ אַ גוטער, גיב דעם טויט אונדז,
זאָל דערפֿילט ווערן
אונדזער פֿאַרלאַנגלאָזער פֿאַרלאַנג...

גאָט אַנוביס, דײַנע מענטשנקני מיר גלעטן,
דײַנע הונטליפּן מיר קושן:
לייז אונדז אויס פֿון גרעסטן אומגליק —
אונדז, די מומיעס, אײַנגעדאַרטע אָן באַלזאַם...

גאָט אַנוביס, אויסגערופֿן האָבן מיר צו אַלע געטער.
קיינער ניט געענטפֿערט האָט אויף אונדזער תּפֿילה.
רא[2] פֿאַרמאַכט און עפֿנט זײַנע אויגן:
ליכטיקייט מיט פֿינצטערניש זיך בײַטן,
און די אומגערעכטיקייט פֿאַרבלײַבט...

גאָט אַנוביס, קיינער, קיינער העלפֿט ניט.
אָזירים, איזידע[3] האָבן זיך פֿאַרשפּאַרט אין טעמפּלען,
צו אַטאָנען[4] אונדזער קול דערגייט ניט,
אַפּיס, כאַטאָר[5] קוקן אָן, ווי ס'פּאַסט פֿאַר רינדער,
טויב, ווי כּושער קיזלשטיין, עס איז אַמאָן[4].

גאָט אַנוביס — שרעקלעכסטער פֿון אַלע געטער,
מיר צו דיר זײַנען אַצינד דערגאַנגען,

קיינער וויל אונדזער געבעט ניט הערן,
קיינער וויל ניט הילף אונדז געבן;
דו אַליין נאָר, דו נאָר איינער
תּמיד ביסט צו דינען גרייט...

ס׳גייט אַ רעגן —
אַ מחיהדיקער, שפּעדיקער רעגן.
ס׳ערשטע מאָל דער דאָרשט איז אָפּגעלאָשן,
ס׳ערשטע מאָל עס ברענט ניט מער דאָס לײַב.

רעגן, רעגן, רעגן...
נאָך אַזוי פֿיל יאָרן טריקעניש אַ רעגן.
אויב אַזעלכעס קען זײַן מעגלעך,
וואָס איז דעמאָלט אוממעגלעך אויף אונדזער ערד?
אַלע מעכטיקייטן שטייען אויפֿן זאַמד...

אָ, ווי קונציק פּרעה האָט געצווּונגען בויען:
אונטן — ברייט, דער אויבן — קוים פֿאַראַנען;
קען דען איבערקערן ווער אַזאַ געבײַ?

באַלד שוין וועט זי זײַן פֿאַרענדיקט
זײַן געגאַרטע אייביקייטן־וווינונג.
בלויז אַ שטיקעלע וועט איבערבלײַבן אָפֿן —
וואַרטן ביז ס׳וועט אָנקומען זײַן לעצטער טאָג...
באַלד שוין וועט זי זײַן פֿאַרענדיקט.
אונדזער מי וועט אָבער זיך ניט ענדן;
פּרעהן גלוסט זיך: בײַ זײַן קבֿר־פּאַלאַץ
וואַכן זאָל פֿון קיזלשטיין אַ שומר,
וואָס זאָל אָפּהיטן זײַן אויסגערוטע רו...
ווידער וועלן מיר באַדאַרפֿן שמאַכטן,
לעשן גלידערבראַנד אין אָנגעהיצטע שווייסן,
האַקן, אויסהאַקן אַ שטאַרקן, קלוגן וועכטער —
מענטשנקאָפּ מיט לייבנלײַב געפּאָרט...

רעגן, רעגן, רעגן —
לעבעדיקער, אַלץ באַלעבנדיקער רעגן...
און דאָס האַרץ, ווען ס׳ווערט דערקוויקט אַ ביסעלע,
הייבט אָן צו פֿרעגן,
לכתּחילה — אײַנגעהאַלטן, ווי פֿאַרשעמט,
נאָך דעם — אויפֿגערודערט, עגמת־נפֿשדיק צעקלעמט:
„האָבן טאַקע מיר
דאָס אומזיניקע האַמעטנע געבײַ געשאַפֿן?
האָבן טאַקע מיר פֿאַראייביקט זיך ווי שקלאַפֿן?
???"

דריקנדיקער פֿון דער פּיראַמידע איז דער ענטפֿער...

ווילנע, 1962

---

1 אַנוביס — דער גאָט פון טויט. ער פלעגט געצייכנט ווערן מיט אַ מענטשלעכן גוף און אַ הינטישן, אָדער שאַקאַלישן קאָפּ.
2 ראַ — דער גאָט פון דער זון. ראַ האָט באַשאַפן די ערד, די מענטשן, חיות און געוויקסן. אַז ראַ עפנט די אויגן ווערט ליכטיק, און אַז ער פאַרמאַכט — ווערט נאַכט.
3 אָזיריס — דער גאָט פון גערעטעניש, פון דער לבנה און פון די וואַסערן פונעם ניל. איזידע — אַ געטין, די פרוי פון גאָט אָזיריס.
4 אַטאָן, אַמאָן — עגיפּטישע געטער. אין פאַרשיידענע צײַטן האָט מען זיי צוגעשריבן פאַרשיידענע אייגנשאַפטן.
5 אַפּיס — אַ פאַרגעטערטער אָקס, כאַטאָר — אַ פאַרגעטערטע קו.

שמשון

(געזאַנגען)

1

הײם איך שמשון, נאָך דער זון,
וואָס קומט דען אַרויס דערפֿון,
אַז אַרום איז שווערע נאַכט,
אונדזער פֿרײַהייט אויסגעלאָכט —
פּלישתּים הערשן אומעטום.
קען דען טרייסטן מיך די זון?

2

מידבר, מידבר, ווייע ווינט,
צום געביל פֿון פּאַסטעכהינט
ברענג אַהער שאַקאַל־געוווי!
אין מײַן האַרץ איז אויך אַזוי —
צו דעם ווייטיק פֿאַר מײַן שטאַם
קומט די שׂינאה פֿון ברעג ים —
עקרון, עזה, ווי און ווינד.
מידבר, מידבר, ווייע ווינט!

3

כ׳קען ניט שלאָפֿן אין די נעכט,
ליג איך וואַכערהייט און פֿלעכט
צעפּעלעך פֿון מײַנע האָר.
כ׳וועל זיי אויסציילן קאַיאָר;
זייער צאָל איז אַ פֿאַרזאָג
פֿאַרן קומענדיקן טאָג:
וויפֿל צעפּלעך — אַזוי פֿיל
טויטע פּלישתּים. נאָר איך פֿיל:
עס איז קנאַפּ נאָך. גאָט, אָ, זאָג,
ווען וועט קומען שוין דער טאָג,
ווען פֿון אַלע האָר פֿון קאָפּ

וועל איך אויספלעכטן א י י ן צאָפּ?
א ל ע פלישתים — זײַן באַטײַט.
גאָט, ווען קומט זי שוין, די צײַט?

4

אַלע ווײַזן אויף מיר אָן:
„זע, דײַן גיבור, שבט דן,
שטריק צערײַסט ער, פּענטעס פּליקט,
ווי אַ לאַם אַ לייב ער שטיקט.
אים איז גוט — ער איז אַ גבֿר;
כּוח ווייסט ניט פֿון קיין צער."
ס'האָט געקרייט דעם טאַטנס האָן,
ס'הייבט אַ יונגער טאָג זיך אָן.
גרייטע זײַנען מײַנע הענט,
אַלץ איז נאָר אין זיי געווענדט.
וואָס זשע קומט אַרויס פֿון דעם,
אַז מײַן האַרץ פֿאַרבלײַבט אין קלעם?
יעדע גבורה, וואָס כ'באַווײַז,
פֿיל איך, אַז זי איז אַ גרײַז.
וואָס איז גבורה און די קראַפֿט,
אויב דער שטאַרקער בלײַבט פֿאַרשקלאַפֿט?

5

לעבן צרעה וואַקסט אַ בוים,
העכער פֿון מײַן קאָפּ — זײַן קרוין.
און פֿאַר וואָס איז עס אַזוי?
ס'ציט אים ניט קיין פלישתים-פֿרוי,
ס'ציט אים צו דעם הימל, הויך —
העכער פֿונעם שײַטערס רויך
אויפֿגעהויבן איז זײַן קאָפּ.
מיך אָבער עס ציט אַראָפּ —
צו אַ פלישתימקע איך גיי —
מענערפֿרייד און יידנוויי!

6

גוטע מײַנע, דײַנע הענט —
איינע גלעט, און איינע ברענט.
זיסע מײַנע, דײַנע בריסט —
פֿולע לאָגלען אין דער וויסט.
צאַרטע מײַנע, דײַנע קני —
העלע היגלען אין דער פֿרי.
הייסע מײַנע, דײַנע פּיס —
ווי דער יונגער באָקסער — זיס.
אייביק מײַנע, דײַנע האָר —
גליק פֿון חלום אויף דער וואָר.
נאַכט אַרום, און אַלצדינג שלאָפֿט,
מײַן פֿאַרדראָס מיך מער ניט שטראָפֿט.
אָטעם דײַנער גייט אין מיר,
כּוח מײַנער וויל צו דיר.
כּוח מײַנער פֿירט א ל ץ אוים;
שוואַכקייט מאַכט אים נאָך מער גרוים.
גוטע מײַנע, דײַנע הענט!
צאַרטע מײַנע, אַלצדינג ברענט.
זיסע מײַנע, דײַנע קני —
זיי צו לויבן כ׳ווייס ניט ווי.
הייסע מײַנע — פֿײַערווײַב,
כ׳טרינק זיך, און דער ים איז לײַב!..

7

כ׳שטײַג אַלץ העכער אויפֿן באַרג.
ריזן־משׂא — אויף מײַן קאַרק.
כ׳טראָג אויף זיך — עס ליגט אויף מיר
פֿונעם שטאָט־מויער די טיר.
באַרג־אַרויף — אַרויף, אַרויף!
מיט דער משׂא כ׳הייב זיך אויף
שוין צום מיטן פֿונעם באַרג.
ס׳איז מיר אָבער אַלץ נאָך קאַרג,

כ׳מוז דערטראָגן זי צום שפּיץ.
עס איז, פּלישתּים, ניט קיין וויץ...
ווי אַ וואָר׳נונג איצט איך גיי,
קוקט זשע, פּלישתּים, ווינד איַיך, וויי, —
ניט נאָר איינציקע איך שלאָג,
איַיער פֿעסטונג איך צעטראָג!

8

זע, אַ באַרגטיַיכעלע פּליסט,
זע נאָר, ווי דער ברעג גענייסט
פֿון דעם קאַלטן, קלאָרן שטראָם,
פֿלאַך דאָס טיַיכל און אַ תּהום
איז ביַי מיר אין מיַין געמיט.
פֿעסטע, דוכט זיך, מיַינע טריט;
דאָך עס וואַקלט זיך אין מיר:
„שמשון, שמשון, שלעכט דיַין פּיר —
צו אַ פּלישתּימקע דיך ציט —
אַ פֿאַרברעכן דיַינע טריט.״
יאָ, ס׳איז זים טאַקע די נאַכט:
מיט אַ פּלישתּימקע פֿאַרבראַכט,
דאָך, ווי קומט עס צו דעם טאָג,
ווען די פּלישתּים־זין איך שלאָג!!

9

שׂורק הייסט דאָס טיַיכל דאָ.
ס׳איז צו דיר קיין גליַיכן דאָ,
שענסטע שׂורקס טעכטערל!
הילכיק דיַין געלעכטערל;
ס׳שטיפֿן דיַינע אייגעלעך,
ווי צוויי שוואַרצע פֿייגעלעך.
אין די בעקלעך — גריבעלעך,
פֿאַר מיַין קוש — צוויי שטיבעלעך.
שענער פֿון די אָרעמבענד

איז דײַן װײַסער אָרעמבלענד,
און די היפֿטן טאַנציקע,
און די האָר די גלאַנציקע,
און דער נאַקן ראָזלעכער,
און די הייסע נאָזלעכער
מיטן אָטעם ברעניקן
(פֿול מיט ווידערשפּעניקן) —
קטורתדיק, ניחוחדיק
מאַכן מיך אָנכּוחדיק.
דלילה, צאַרטע דלילה דו,
קעגן דיר איך תּפֿילה טו!
רגעם וועלן ווילע זײַן —
כ׳וועל דײַן „קרבן־עולה" זײַן —

10

זאָגסט, איך האָב דיך אָפּגענאַרט,
בעת כ׳האָב דיך אַזוי געגאַרט.
כ׳האָב געזאָגט דיר, אַז מײַן קראַפֿט,
ווען מען בינדט מיך, ווערט פֿאַרשלאַפֿט?
און צום סוף איז ניט אַזוי —
ווי פֿאַרברענטע פֿלעכטלעך שטרוי
זײַנען זיך צעקראָכן שטריק.
הער, מײַן אויסגעחלומט גליק,
פֿרוי פֿון אופֿירס העלפֿאַנדביין.
ניט פֿאַרשטאַנען האָסט מײַן מיין,
כ׳האָב געזאָגט, מײַן קראַפֿט פֿאַרשווינדט,
ווען מע כאַפּט מיך און מע בינדט,
דאָך געמיינט כ׳האָב ניט מיט שטריק,
נאָר מיט פּענטעס פֿונעם גליק.
ווען דו פֿײַערדיק מיך האַלדזסט,
מיך אין דײַנע אָרעמס האַלטסט,
ווען מיך בינדן דײַנע הענט,
ווערט מײַן גבורהשאַפֿט פֿאַרלענדט.

וואָס? דאָס אַלץ איז דיר נאָך קאַרג?
האָסט מיך, וואָס איך בין צו שטאַרק —
ווילסט אַ שוואַכינקן מיך זען?
מײַנע זיבן לאָקן נעם
און פֿאַרפֿרעם זיי און פֿאַרקלעם
אינעם וועבשטול, אין די קעם.

11

דלילה, שטויב אויף מײַנע פּיס,
דלילה, מיט אַן עקדישבים
אויף מײַן פּיאַטע כ׳קום צו דיר
און דעם ווייטיק איך ניט שפּיר.
אויף צוויי פֿידלען שפּילט מען ניט,
צוויי געפֿילן פֿילט מען ניט.
איין געפֿיל אַ מענטש נאָר פֿילט.
און ווען ס׳האַרץ איז אָנגעפֿילט
און פֿאַרשיכּורט פֿריידיק־זים,
פֿילט מען ניט קיין עקדישבים.
דלילה, זײַ אויף מיר ניט בייז,
דלילה, כ׳בעט, אויב ניט איך הייס,
דלילה זײַ צו מיר ניט שטרענג,
ווען צו דיר מײַן בענקשאַפֿט כ׳ברענג.
ברוגזסט זיך, וואָס נעכטן כ׳האָב,
לײַכט אַרויסגעשלעפּט מײַן קאָפּ
פֿונעם וועבשטול און די קעם.
כ׳האָב דײַן צאָרן באַלד געזען.
זאָגסט, איך האָב דיך אָפּגענאַרט.
דלילה, ביסט צו גוט און צאַרט,
דו זאָלסט קענען האַלטן כּעס.
דלילה, כ׳בין פֿון בעטן בלאַס;
דוכט זיך, אַז איך קני פֿאַר דיר,
דלילה, זײַ ניט שלעכט צו מיר.
כ׳האָב צעריסן הײַנט אַ לייב,

און אַ בער געטאָן אַ הייב,
אַז צערעוועט האָט ער זיך
און אַנטלאָפֿן, ווי אַן זיך.
כ׳האָב צעטראָגן היינט אַ פּלויט
און מיט קלאָץ זיינעם געטייט
איבער הונדערט פֿרעמדע לייט.
פֿרעגסט, וואָס דאָס אַזוינס באַטייט
און פֿון וואַנען זיי און ווער?
כ׳ווייס ניט. ווי דער לייב און בער
חיות זיינען זיי פֿאַר מיר.
דלילה, זיי ניט בייז אויף מיר!
נאָך אַ לאַנגן טאָג פֿון קראַפֿט
קעגן דיר איך שטיי פֿאַרשלאַפֿט
און איך מאָן פֿון דיר אַ גלעט.
דלילה, ס׳איז אַזוי שוין שפּעט —
יעדע רגע, וואָס פֿאַרגייט,
רויבט פֿון מיר אַ שטיקל פֿרייד.
דלילה, זיי ניט בייז אויף מיר;
כ׳וועל דעם סוד אַנטפּלעקן דיר.
אויב דיר דווקא גייט אין דעם,
כ׳זאָל אַ שוואַכלינג זיין, איז נעם
אַ שאַרף מעסער און גאָל אָפּ
מיר די לאָקן פֿון מיין קאָפּ.

12

ליגט מיין קאָפּ ביי דיר אין שויס,
און דאָס גליק איז אַזוי גרויס.
וואַרעם איז מיר, פֿריידיק לייכט,
און דיין האַנט אַ גוטע שלייכט
דורך די האָר מיינע און גלעט.
יעדער פֿינגער, דוכט זיך, רעדט
צערטלווערטער אָן אַ שיעור.
דלילה, ביסט שוין גוט צו מיר...

ס'איז דײַן שוים אַצינד אַ וויג.
ווי אַן עופּעלע איך ליג
און דײַן היפּט — זי וויגט און וויגט,
אַלע ווייטיקן דערשטיקט.
רײַפקייט יאָרן גייען אָפּ;
קינדיש ווערט מײַן שווערער קאָפּ,
און דאָס גליק וואַקסט ריזיק אויס,
ווען עס וויגט מיך אײַן דײַן שויס.
אויף אַן עקדיש הײַנט אַרוף
כ'בין מיט שווערקייט פֿון מײַן גוף,
און ווער ווייסט, וואָס ט'זײַן דער סוף?
וועט מיך אויסהיילן דער שלאָף?
האָס און ליבע... פֿרייד און פּײַן...
קוש מיך, דלילה, ווען כ'שלאָף אײַן!!

13

נעכטן האָב איך נאָך געזען,
נאָך געזען, נאָר ניט דערזען,
ווײַל כ'בין נעכטן בלינד געווען,
וועל איך אייביק שוין ניט זען.
נעכטן — הערשער און אַ האַר,
הײַנט — אַ שוואַכלינג און אַ נאַר.
דלילה האָט מיך אויסגעלאַכט;
ס'זעט אַ טיגער אויך ביַי נאַכט.
נעכטן האָב איך נאָך געפּילט;
האָס ט'מיט ליבע זיך געשפּילט.
בלויז אַ רגע זיך פֿאַרקוקט,
האָט די ליבע אים פֿאַרצוקט.
שטאָטס דער גבורה — שאַנד און וויי,
שטאָטס צוויי אויגן — ווונדן צוויי,
און אַ פֿליך אַנשטאָט די האָר,
און אַ נאַכט — אַנשטאָט קאַיאָר.
נעכטן — שטאַרקער נאָך פֿון שטאַרק,

הײַנט — אַ יאָך שוין אויפֿן קאַרק.
ווי אַ בשן־אָקס איך גיי
און אַ חרפּה־ראָד איך דריי.

14

כ׳קרײַז אַלץ אויס די זעלבע טריט
אַרום ראָד, וואָס אין דער מיט.
פֿאַר די פּלישתּים מאָל איך מעל;
צווישן מילשטיינער מײַן זעל.
כ׳בין אַ לייב, וואָס ט׳זיך פֿאַרדרייט
אין דער פֿאַלשער ליבעפֿרייד,
זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ,
און סע זעט זיך ניט דער קץ.
ס׳האָט קיין סוף מײַן רונדער וועג;
ווי די נעכט אויך שוואַרץ די טעג,
ווײַל געהערט כ׳האָב: „ביסט מיר ליב״,
הער איך איצט דעם שווערן סקריפּ
פֿון דער אָקס, וואָס אין דער מיט
פֿונעם קרײַז פֿון מײַנע טריט.

15

דריי זיך, דריי זיך, לאַנגער שטאַנג.
פֿרײַנד מיר בלײַבן שוין אויף לאַנג,
פֿון מײַן כּוח דו געניסט,
דאָך מײַן וועגפֿירער דו ביסט.
נאָר זיך האַלטנדיק אָן דיר,
וואָהין צו גיין איך שפּיר.
כ׳גיי פֿאָרויס. דאָך דער פֿאָרויס
מיט אַן אָפּנייג לאָזט זיך אויס:
צו אַ מיטן, וואָס ער ציט
צו זיך אַלע מײַנע טריט.
דוכט זיך, פּונקט אַזוי געווען
איז עס איידער ס׳איז געשען.

דלילהס פֿאַלשע האַנט — איר שטאַנג,
און מײַן שטאָלצער גבֿורה־גאַנג
אַרום איר פֿאַרדרייט האָט זיך,
ביז געפֿאַנגען האָט זי מיך.
דריי זיך, דריי זיך, לאַנגער שטאַנג,
מאַך מיך שוואַך און מאַך מיך קראַנק.
כ׳בין אויך איצטער נאָך צו שטאַרק,
אויב ס׳קען אויסהאַלטן מײַן קאַרק
אָט דעם יאָך פֿון אַזאַ גאַנג;
לעבעדיקער, לאַנגער שטאַנג!..

16

ווי איך זיך אָן איר דערמאָן,
צינדט אין מיר דאָס בלוט זיך אָן.
דלילה, דלילה, קום צו מיר;
אָ, ווי איך איצט בענק נאָך דיר!..
ווען דו קומסט עס איצט צו גיין
מיט דײַן רייצנדיקן חן,
וואָלט איך צופֿאַלן צו דיר,
אַז עס וואָלט פֿון מײַן באַריר
דײַן פֿאַרפֿירערישער קאָפּ,
ווי אַ ווײַנטרײַבל אַראָפּ.
כ׳וואָלט געגלעט אַזוי דײַן היפּט,
אַז ס׳וואָלט בלוט פֿון איר געטריפֿט.
דיך געצערטלט כ׳וואָלט אַזוי,
אַז ווי אײַנגעדאַרטער שטרוי
פֿלאַצן וואָלטן הענט און פֿיס...
כ׳וואָלט געקושט דיך אַזוי זיס,
אַז די פֿולע דײַנע בריסט
וואָלטן ווערן דאַר און וויסט.
דאַן דיך וואַרפֿן פֿאַר די הינט,
ווי אַ פּלישתּימקע פֿאַרדינט...
איך געווען בין פֿעלדזיק שטאַרק,

נאָר אויף רישעות תּמיד קאַרג.
כ'האָב געוווּסט, אַז בײַ אַ מאַן
גוטע גבֿורה איז פֿאַראַן.
ווילדע חיות זײַנען בייז!
איצטער עפּעס אַנדערס כ'ווייס:
צו אַ חיה מוז מען גיין —
ווילד און חיהש אויך אַליין;
טייטנדיק זי, גרויזאַם זײַן,
פֿרייד געניסן פֿון איר פּײַן.
ניט פֿאַרשטאַנען כ'האָב עס דאַן.
איך — דער גבֿר, דער שטאַרקער מאַן,
האָב דער גוטסקייט זיך פֿאַרטרויט
און די פּלישתּים נאָר געטייט.
תּמימות האָט מיך אויסגעלאַכט
און לסוף צו דעם דערבראַכט,
אַז אַליין גאָר ניט געשפּירט,
האָב אַ ליבע איך פֿאַרפֿירט
מיט אַ פּלישתּימישער צװיג...
וויין, מײַן אויסגעשטאָכן אויג!..

17

פֿונעם טעמפּן שאָרך פֿון טריט
שרײַט אַרום מײַן שווער געמיט,
אין דער פֿינצטער, אין דער בלינד
שלעפּט זיך נאָך נאָך מיר מײַן זינד,
ווען איך רייד אַרײַן אין שטאַנג
מײַן צעוויײטיקטן געדאַנק.
פֿאַר די פּלישתּים פֿאַלט דאָרט מעל.
זיי איז גוט, און זיי איז העל,
און פֿאַר וואָס איז אַלץ געשען?
ווײַל ערשט בלינדערהייט דערזען
האָב איך וואָס כ'האָב זען געדאַרפֿט
ווען מײַן אויג געווען איז שאַרף

און פֿאַרנומען האָט די פּראַכט
פֿונעם טאָג, וואָס קומט נאָך נאַכט.
ניט אין חלום ליגט די וואָר —
וואָר איז דײַטלעך, קלוג און קלאָר.
און די וואָר זאָגט, אַז געפֿיל
טאָר ניט לאָזן זיך אין שפּיל
מיט אַזוינס, וואָס קעגן איר.
וואָר איז אַלץ; ס'געהערן איר
אויך דער חלום און דער טרוים.
פּונקט, ווי צו דעם שטאָם פֿון בוים
עס געהערט דער שײנער צווײַט,
וואָס ער בליט, אָבער פֿאַרבלײַט.
איך, דער גיבור און דער העלד,
האָב די אויגן זיך פֿאַרשטעלט
פֿון דער וואָר און בין אַוועק
אויף אַ גליטשיק־פֿאַלשן וועג.
ווער ס'דערלאָזט, אַז אויף זײַן גוף
זאָל אַ פֿרעמדע האַנט אַרויף,
יענער איז אַראָפּ פֿון שליאַך
און ער בלײַבט שוין אײביק שוואַך.

18

גאָט אין הימל, ווייניק נאָך,
וואָס איך טראָג אַ פֿרעמדן יאָך?..
כ'מוז נאָך, ווינד איז מיר און ווײ,
נאַריש מאַכן זיך פֿאַר זײ?
אַלע סרנים[1] וועלן זײַן,
חוצפּהדיק וועט שפּרודלען ווײַן
פֿאַר די טעמפּע פּלישתּים־זין.
איך וועל אָנקומען אַהין,
ווי אַן אויסגעלאַכטער נאַר,

1 פּלישתּימישע פֿירשטן.

פֿריילעך מאַכן מיט מײַן צער.
כ׳גיי אַהין לויט שׂונאס רוף,
און מײַן שווערער בלינדער גוף
ט׳מאַכן קונצן, זײַן אַ לץ
פֿאַר אַ גולמדיקן געץ.
רוישיק וועט די חגא זײַן —
מילגרוימען און רויטער ווײַן
ניט אַראָפּ וועלן פֿון טיש
פֿאַרן פֿאַלשן גאָט פֿון פֿיש.
„ד ג ו ן״ הייסט דער פּלישתּים-געץ,
וואָס ער שענקט די פֿיש דאָס פֿעטס.
„שמשון״ — הייסט דער גרויסער נאַר,
וואָס וועט שענקען פֿרייד זײַן האַר...
ניין, אַזוינס וועט ניט געשען!
שמשון איז ניט בלויז ג ע װ ע ן.
שמשון וועט נאָך שמשון זײַן;
גבֿורה ווערן וועט פֿון פּײַן!
שמשון טאַנצט ניט, ווי אַ באָק,
פֿאַר די שׂונאים ביז פֿאַר טאָג!..
שמשון, כאָטש ער איז פֿאַרשלאָפֿט,
האַלט ער נאָך זײַן לעצטע קראַפֿט!

19

יִינגל, קריגסט בײַ מיר אַ פֿײַל,
מאַך מיך אָנטאַפּן דעם זײַל!
קריגסט אַ בויגן און אַ פֿײַל;
ווײַז מײַן האַנט דעם צווייטן זײַל.
אָט אַזוי... אַצינד איך שטיי
צווישן שווערע זײַלן צוויי,
וואָס אויף זיי עס ליגט דער דאַך,
און איך הער די טומאה-שפּראַך
פֿונעם שיכּורן געפֿריי
דורך צעהוליעטן געשריי.

דוכט, איך הער דאָרט אויך איר שטים,
לאַכט אַזוי צעפּעסטעט דין,
און מײַן נאָמען זי דערמאָנט.
יאָ, ס'איז דלילה — כ'האָב דערקאָנט.
לאָך דאָרט, לאַך דאָרט, זונה דו,
ווערסט ניט רויבן איצט מײַן רו.
נאָך אַ רגע, נאָך אַ ווײַל —
ס'האַלט מײַן יעדע האַנט אַ זײַל!
שטיל געלעבט האָט אונדזער שטאָם
פונעם מידבר ביז צום ים.
צו דער אָרנטלעכער מי
פלעגט מען אויפשטיין אין דער פרי,
און געזונגען און געלאַכט
אין די ווײַנגערטנער בײַ נאַכט.
אונדזער מי געווען איז פרייד,
אונדזער גליק האָט אונדז געקליידט!
האָט איר אונדזער פרייד באַטויבט,
האָט איר אונדזער גליק גערויבט,
האָט איר אונדזער מי פאַרשוועכט,
האָט איר אונדז געמאַכט פאַר קנעכט.
אָ, ווי ס'ברענט צו אײַך מײַן האַס!
הער עס, עזה, וויים עס, גת,
ווײַל מײַן שׂינאה אייביק איז,
בין איך שוואַכערהייט אַ ריז;
ווען דער האַס צום פײַנד איז גרויס,
לייזט פון אַלע זינד ער אויס!
לאַך דאָרט, לאַך דאָרט, זונה, לאַך!
שמשון, מיינסטו, איז איצט שוואַך?
נייז, ער איז אין גבֿורה רײַך...

שטאַרב, מײַן זעל, מיט זיי צו גלײַך!
פאַלט אײַן, זײַלן מיטן דאַך!..
פלישתּים, איצטער איך שוין לאַך!

יום־טוב איז אין מײַן געמיט,
ווײַל מײַן טויט מיט זיך ציט מיט
טויזנטער פֿאַרהאַסטע פֿײַנד.
שטאַרק און גליקלעך בין איך הײַנט!..

מאָסקווע, סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1944

אינהאַלט

א. לידער

1. דער עול פון הונדערט דורות גלות

הנני 5
יפו 6
ירושלים 9
זיבן פאַרלאָשענע מנורות 18
ס׳האָט זיך מיר געחלומט אַן אַלעע 20
אַנוסים 23

2. אויפן קוצו־של־יוד

מענטש (איז עס טאַקע אַזוי פשוט?) 25
אמתן גאָלדענע 26
פראַגעס און ענטפער 28
נאַרעלע חכם 29
מענטש און אייביקייט 30
דאַרף מען?.. 31
אויפן קוצו־של־יוד 32
צוויי ציגעלעך 33
„פאַסטאַראַלע" 34
וועג... (זיך פאַרנומען אין אַ וועג) 36
ווער? (און ווער איז דער קלוגער?) 38
על־חטא 39
אויף דער שוועל... 40
גייער־ווייטיק 41
אַוונט־געדאַנקען 42
וואָס? 43
* (יעדע נאַכט קומט צו חלום מיר אַ שד אַן עובר־בטל) 44
שלאָפלאָזיקייט 45

3. אַרום פאַרגעלטן פאַרק

שולדגעפיל (כ׳האָב אויסגעזעצט שויבן) 47
דער שטיין 48
מוסר 50
תשליך 51
קוקסט אין שפיגל... 52
ראָמאַן 54
* (פאַר וואָס ביסטו ניט מודה זיך?) 55
גאַנג (ברעקלען משוגענע זייגערס די שעהען) 56

אויב דו ביסט מיט זיך צופרידן... 57
פרילינג (אַזאַ געזאַנג האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געהערט) . . . 59
האַרבסט (אַרום פאַרגעלטן פאַרק) 60
* (טענהסט: "עס איז אַלץ אַ חלום!") 61
אַ „דו־דו־לע" 62
דער טרויממערדער 64

4. ווער ווייסט אים דעם וויַזער פון זייגער

עבודה 66
די פעדער 67
* (ווי, וואָס צער ס'קומט אויס צו צאָלן) 68
אָן ווערטער... 69
פריידיקע רגעס 70
* (איך האַלט דעם אמת אין מיַין האַנט) 71
פאַרשטייענערטקייט (פלוצעם דוכט זיך מיר) 72
ווער ווייסט אים דעם וויַזער פון זייגער? 73

5. אויסדויער

זעט אַ ייִד עס רייטלען זיך די שויבן... 74
ציגעלע־מיגעלע, ווו ביסטו? 75
נאָכן חורבן אין אַ ניט־חרובער היים 76
ירושה (איך הער דעם גאַנג פון דורות) 77
נאָך אוישוויץ 78
ביידע... 80
זינגען מיר... 81
און עס וועט זיַין... 83
לחיים! 84

6. נס אין מידבר

יעקבס חלום 85
דער ברענענדיקער דאָרן 87
פרעהס חלום 90

7. קהלתדיק

אַ פישל אויף דער ווענטקע 93
קי 94
וואַלד־באַלאַדע 96
קהלתדיק 98
* (פאַראַן איז אַ ליכטיקער אומעט) 99
* (האָב איך זיך געכאַפּט, איך טראַכט אַ נאַרישן געדאַנק) . . . 100
* (וואָס מער איך האָב דיך אויסגעלאַכט) 101
צוריקקער 102
בענקשאַפט 104
מעמאַריאַ 105
ברכה... 106

8. דעם פלאַמס אַ וווּנק

מענטש (און אַז די נאַכט וועט קומען, זאָג) 107
* (און ווי גרויס עס זאָל ניט זײַן) 107
דיכטער 108
שאַפונג (כ׳טעסע דאָס וואָרט) 108
אַ, ליכטיק שעפעלע 109
* (אַלע שוואַלבן) 109
פעניקס 110
* (ניין, סע שטאַרבן ניט די יאָרן) 110
ווערטער (ווערטער זײַנען שטיקער האָרץ) 111
* (און ווען עס שוין געלינגען זאָל) 111
* (גרייס זיך ניט מיט דײַנע מעלות) 112
* (פרוווסט אַלץ וואַשן דײַן געוויסן) 112
גאולה 113
טראַדיציע 113
* (ס׳איז דער פונק) 114
* (אומעט קומט נאָך זינד) 114
ניט פויגלדיק 115
* (אויב דו באמת טראַכסט) 115
פראַגעס אין אַ קאַלט לאַנד 116
האַרבסט (אין אַ געסל בײַ אַ צוים) 116
איך... 117
ניגון (ווילסט מיך מיט געזאַנג פאַרוויגן) 117
שפראַך 118
* (ווען געוווסט וואָלסט וואָסער טראָט) 118
נאָסטאַלגיע 119
מעגלעך... (אַז כ׳וואָלט דיך גאָר ניט פאַרגעסן) 119
* (זאָל טאַקע מקוים ווערן) 120
* (אויפן פעלד צוויי לעבנס נאָר) 120
ווערטן (כ׳וואָלט וועלן פאַרגעסן די רגע) 121
נאַטור... (די זון זי הערט ניט אויף צו גיין) 121
מענטש (עפּעס מײַד איך אויס צו טראַכטן) 122
* (נעם ניט מײַנע ווערטער אויף מיט אַ פּאַראַיבל!) 122

ב. פּאָעמעס

פונעם ציקל „אַזוי איז געגאַנגען דער מענטש"

אין כּף־הקלע 125
ראַבעספּיער (פראַגמענטן) 131
עלי 139
נאָכן מבול (אָדער „דער שיכּורער נח") 144
יפתּח 151
די פּיראַמידע־בויערס 156
שמשון 161

ביכער פון הירש אָשעראָוויטש

פון קלעם אַרויס

באַלאַדעס און פּאָעמעס, מאָסקווע 1947

מײַן גוטער קליאַן

לידער און פּאָעמעס (איבערגעזעצט אין רוסיש), מאָסקווע 1962

דער האָניק פון דערקענטעניש

לידער און פּאָעמעס (איבערגעזעצט אין ליטוויש), ווילנע 1964

די הייליקע טאָג־טעגלעכקייט

לידער און פּאָעמעס (איבערגעזעצט אין ליטוויש), ווילנע 1968

זונענגאַנג

לידער און פּאָעמעס, מאָסקווע 1969

צווישן בליץ און דונער

לידער און פּאָעמעס, תל־אביב 1973 (פּרעמירט מיט דער יעקב גלאַטשטיין־פּרעמיע פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס)

מײַן פּאָנעוועזש

פּאָעמע, תל־אביב 1974

אין דער וועלט פון עקדות

לידער און פּאָעמעס, תל־אביב 1975